בעזהשי"ת

ברסלב

# סֵפֶר
# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

אִידִישׁ

## וַיֵּשֶׁב

תשע"ט

היכל הקודש

הכתובת להשיג את הספר הקדוש הזה וכל ספרי
אדמו"ר מוהר"ן מברסלב זי"ע וספרי תלמידיו הקדושים

To obtain this and other Breslov publications:

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh Williamsburg
27 Skillman Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh Boro Park
1011 41 Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
**845-467-5299**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
**845-243-0563**

**היכל הקודש בלומינגראוו**
Heichal Hakodesh Bloominggrove
24 Merriewold Ln S
**845-379-1161**

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh Monsey
32 Dolson Rd.
**347-733-7551**

**בארץ ישראל**
**מוסדות "היכל הקודש" חסידי ברסלב**
שע"י עמותת "ישמח צדיק-קהילת ברסלב בגליל"
בהתייסדות ע"י כ"ק מוהרא"ש זצוק"ל
רחוב רבי נחמן מברסלב 1 ת.ד. 421 יבנאל 15225
טלפון רב קווי 04-6708356
פקס: 04-6708359

**Visit Our Web Site:**

**www.breslevcenter.com**

לשמוע השיעורים 212-444-9191

**Find our entire book selection at: amazon.com**

**To donate and/or sponsor one of our books please call: 845-248-1651**

**א מלוה מלכה מיט די גרעסטע עשירים!**

בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת וישלח, י' כסליו, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

היינט הייבן מיר אן ירושלמי 'מסכתא דמאי'; כאפ זיך מיט און מאך דיר א שיעור צו לערנען יעדן טאג א דף בבלי, א דף ירושלמי און א פרק תוספתא. אז מען לערנט די דריי שיעורים איז מען זוכה זיך צו בויען א 'בַּיִת נִצְחִי', בַּיִת איז די ראשי תיבות ב'בלי י'רושלמי ת'וספתא. אויך איז דאס א סגולה צו האבן אן אייגענע הויז דא בזה העולם.

טייערער ברודער כאפ זיך מיט מיטן באן; עס פארט א באן פון תורה ותפילה, עס איז ממש א שאד אראפ צו גיין פונעם באן. איך האב זוכה געווען איינצושטיין אמאל ביי מוהרא"ש אויף א שבת אין יבניאל און איך האב געגעסן די סעודה מיט מוהרא"ש (מען קען שרייבן א גאנצע ספר בלויז פון די איין סעודה); האב איך מיט געהאלטן ווי מוהרא"ש האט געפרעגט איינער פון אורחים צי ער ווייסט וואספארא מסכתא מען האלט יעצט? ווען יענער האט געענטפערט אז ער ווייסט נישט האט אים מוהרא"ש גע'מוסר'ט מיט ליבשאפט (יענער האט געלערנט אלץ בחור ביי מוהרא"ש, אבער שפעטער איז ער אוועק געגאנגען, ער האט זיך אנגעהערט פון די זקיינים פון ברסלב השם ישמרינו), מוהרא"ש האט אים געזאגט בזה הלשון: "דו ביסט געווען אויפן באן און דו ביסט אראפ פונעם באן, אבער דער באן פארט ווייטער, קום צוריק ארויף אויפן באן און כאפ אריין יעדן טאג א 'דף גמרא', נאר דאס וועט דיר איבער בלייבן".

נעם אן די מוסר רייד פון מוהרא"ש וואס ער געבט אונז מוסר מיט ליבשאפט, מיר זאלן געדענקען אז איין טאג וועלן מיר אלעס איבערלאזן און נאר די תורה מצוות ומעשים טובים וועט איבער בלייבן פון אונז.

נעכטן האבן מיר מסיים געווען ירושלמי מסכתא פאה; דער אייבערשטער האט מיר מזכה געווען פארצולערנען פאר תלמידים יעדן טאג א בלאט בבלי און א בלאט ירושלמי. מיר האבן נעכטן געהאט א סיום ביי האברך ר' ... נרו יאיר, אלע וואס האלטן מיט דעם שיעור זענען דארט געווען, עס איז געווען אזא שמחה אז מיר האבן ממש געשפירט וואס חכמינו זכרונם לברכה זאגן (שבת קכ.): "וּבְבֵיתִי אֵין לֶחֶם וְאֵין שִׂמְלָה - זֶה שֶׁאֵין בְּיָדִי לֹא מִקְרָא וְלֹא מִשְׁנָה וְלֹא תַּלְמוּד", ווער איז אן ארימאן? איינער וואס לערנט נישט קיין מקרא, קיין משניות און נישט קיין גמרא; עס האט זיך געשפירט ווי מיר זיצן ביינאזאם די גרעסטע עשירים פון דער וועלט און עסן סעודת מלוה דמלכה, מען האט געשפירט אין די לופט די שמחה אז מיר האבן זוכה געווען צו מקורב ווערן צום הייליגן רבי'ן.

איך בין היינט פארטאגס געוועזן ביים אוהל אין קווינס וואו איך האב מתפלל געוועזן פאר דיר און פאר דיין משפחה; דער אייבערשטער זאל אונז אלע העלפן מיר זאלן זוכה זיין צו האבן ישועות און רפואות.

א גוטן טאג.

...

~~~~~~~~~~

**געבן פאר קליינע קינדער מילכיגע באטלעך מיט'ן הכשר פון או-יו-די (OU-D)**

בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת וישלח, י' כסליו, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר.**

דו קענסט זיך נישט פארשטעלן ווי גרויס דיין זכות איז אויבן אין הימל מיט דעם וואס דו ביסט זוכה צו פארשפרייטן דעם הייליגן רבינ'ס ווערטער אויף די גאנצע וועלט.

קוק אריין אין זוהר הקדוש (תרומה קכ"ח:): וואו עס ווערט ארויסגעברענגט דאס גרויסקייט פון א מענטש וואס ברענגט צוריק זינדיגע מענטשן צום אייבערשטן; דער זוהר הקדוש זאגט אז דער מענטש איז זוכה ארויף צו גיין צו א פלאץ וואס קיין שום מענטש איז נישט זוכה; דער מענטש נעמט אוועק טומאה פון דער וועלט און ער מאכט אז דעם אייבערשטנ'ס נאמען זאל ווערן געהייליגט אויף דער וועלט, ווי אויך איז דער מענטש גורם אז אלע וועלטן שטייען אויף זיין זכות, "וְזָכֵי לְמֶחֱמֵי בְּנִין לִבְנוֹי", ער איז זוכה צו זען קינדער און אייניקלעך, "וְזָכֵי בְּהַאי עָלְמָא, וְזָכֵי לְעָלְמָא דְּאָתֵי", און ער איז זוכה צו אלע גוטע זאכן אויף די וועלט און אויף יענע וועלט, "כָּל מָארֵי דִּינִין, לָא יַכְלִין לְמֵידָן לֵיהּ, בְּהַאי עָלְמָא וּבְעָלְמָא דְּאָתֵי", קיינער קען אים נישט שלעכט'ס טון, נישט אויף די וועלט און נישט אויף יענע וועלט, "עָאל בִּתְרֵיסַר תַּרְעֵי, וְלֵית מַאן דְּיִמְחֵי בִּידֵיהּ", ער גייט אריין אין דרייצן טויערן פון שערי רחמים און קיינער קען אים נישט צוריק האלטן", עיי"ש.

בנוגע געבן באטיס (Formula) פאר קינדער מיט די הכשר פון "אוי יו - די"; היינט איז דא צו באקומען פארמיולע מיט גוטע הכשרים פון 'חלב ישראל', דערפאר דארף מען זייער מקפיד זיין נאר צו עסן און טרינקען 'חלב ישראל'. אויך פאר די קינדער דארף מען אכטונג געבן נאר צו געבן 'חלב ישראל', אפילו פאר א קינד פון איין טאג אלט.

די עלטערן וואס זענען מקפיד נאר אריין צו נעמען עסן מיט אן ערליכן הכשר וועלן האבן קינדער תלמידי חכמים און יראי אלקים; מען דארף זייער אכטונג געבן צו געבן
~~~~~~~~~~

נאר כשר'ע מילך פאר א קליין קינד. דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן א): "אִם הַתִּינוֹק יוֹנֵק מֵחֲלֵב אִשָּׁה חֲצוּפָה, אֲזַי מִתְגַּבֵּר בּוֹ תַּאֲוָה זוֹ", אויב דער קינד זייגט מילך פון א אשה חצופה וועט זיך אויף אים מתגבר זיין די תאווה פון ניאוף, "וְכֵן לְהֵפֶךְ, כְּשֶׁיּוֹנֵק חֲלֵב אִשָּׁה כְּשֵׁרָה", און אזוי אויך פארקערט - זאגט דער רבי - אויב דאס קינד זייגט מילך פון אן ערליכע פרוי, "אֲזַי לִבּוֹ חָלָל בְּקִרְבּוֹ, וְאֵין לוֹ חֲמִימוּת", וועט ער זיין אן ערליכער איד און זיין אפגעהיטן אין קדושה. נאך זאגט דער רבי (ספר המידות, אות בנים, חלק ב', סימן יב): "הֶחָלָב שֶׁל צַדֶּקֶת הוּא טוֹב לַתִּינוֹק לְיִרְאַת שָׁמַיִם, וְגַם נוֹתְנוֹת לוֹ מֶמְשָׁלָה בָּעוֹלָם הַזֶּה", מילך פון אן ערליכע פרוי ברענגט יראת שמים פארן קינד; נאך זאגט דער רבי (ספר המידות, אות בנים, סימן מז): "יִזָּהֵר מְאֹד שֶׁלֹּא יִינַק הַוָּלָד מֵאִשָּׁה רָעָה", מען דארף אכטונג געבן אז דאס קינד זאל נישט זייגן פון אן אשה רעה, "כִּי חָלָב מְטַמֵּא וְחָלָב מְטַהֵר".

עס איז נישט ווערד צו נעמען בחנם חלב עכו"ם וואס די שטאט געבט (Wic).

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן נחת פון דיינע קינדער, זיי זאלן אויסוואקסן ערליכע אידן.

...

~~~~~~~~~~

**גמרא מאכט ליכטיג, גמרא נעמט אוועק אלע טונקלקייטן.**

בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת וישלח, י' כסליו, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

איך ווארט נאך אלץ אויף דיין בריוו.

איך בענק מיר נאך די צייטן ווען דו פלעגסט מיר שרייבן יעדעס מאל ווען מען האט מסיים געווען א מסכתא אז דו האסט מסיים געווען נאך א מסכתא און נאך א מסכתא; איך האף אז דו לערנסט נאך יעדן טאג אביסל גמרא.

גמרא מאכט ליכטיג, גמרא נעמט אוועק אלע טונקלקייטן, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (סנהדרין כד.) אויפן פסוק (איכה ג, ו): "בְּמַחֲשַׁכִּים הוֹשִׁיבַנִי כְּמֵתֵי עוֹלָם", אָמַר רַבִּי יִרְמְיָה זֶה תַּלְמוּדָהּ שֶׁל בָּבֶל, דאס גייט ארויף אויף תלמוד בבלי; לכאורה, ווי אזוי קען מען זאגן אויף די הייליגע גמרא אז דאס איז א טונקעלע זאך, א טויטע זאך? נאר מוהרא"ש זכרונו לברכה זאגט, אז א מענטש זאגט: "עס איז מיר פינסטער", "עס איז מיר טונקל", "איך שפיר זיך ווי א טויטער מענטש", "עס גייט אריבער אויף מיר שווערע ביטערע נסיונות, עס איז ממש ביי מיר מקיום געווארן דעם פסוק 'בְּמַחֲשַׁכִּים הוֹשִׁיבַנִי
~~~~~~~~~~

כְּמֵתֵי עוֹלָם׳״, זאגט מען אים: ״זֶה תַּלְמוּדָהּ שֶׁל בָּבֶל״, נעם א גמרא תלמוד בבלי און הייב אן לערנען, הייב אן זאגן די אותיות התורה, זאג די ווערטער אפילו אן פארשטיין דורכדעם וועט דיר ליכטיג ווערן און דו וועסט ווערן צוריק לעבעדיג.

טייערע ברודער ... נרו יאיר, איך האב דיר ליב און איך ווארט צו הערן פון דיר.

...

~~~~~~~~~~

**אז מען היט זיך די אויגן לעבט מען א שיינע רואיגע לעבן מיט א ריינע לויטערע אמונה אינעם אייבערשטן.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ב׳ פרשת וישלח, י״א כסליו, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

דאס וואס דו האסט קשיות און ספיקות רחמנא לצלן, עס בוזשעוועט אין דיר שלעכטע מחשבות און דו דרייסט זיך ארום מיט ספיקות אין די אמונה, זאלסטו וויסן אז דאס קומט פון דיינע עבירות.

וויסן זאלסטו אז ווען א מענטש איז פוגם בברית, ער איז מוצא זרע לבטלה רחמנא לצלן, ווערט זיין מח און זיין הארץ אנגעפילט מיט קשיות אויפן אייבערשטן. מען קען נישט זוכה זיין צו האבן א לויטערע אמונה אויב מען איז נישט אפגעהיטן בקדושת הברית, אזוי ווי עס שטייט (תהלים פט, כט): ״וּבְרִיתִי נֶאֱמֶנֶת לוֹ״, ברית גייט אינאיינעם מיט אמונה; אויך זאגן חכמינו זכרונם לברכה (ברכות יב:) אויפן פסוק (במדבר טו, לט): ״וְלֹא תָתֻרוּ אַחֲרֵי לְבַבְכֶם וְאַחֲרֵי עֵינֵיכֶם אֲשֶׁר אַתֶּם זֹנִים אַחֲרֵיהֶם״, אַחֲרֵי לְבַבְכֶם - זוֹ מִינוּת, אַחֲרֵי עֵינֵיכֶם - זֶה הִרְהוּר עֲבֵירָה; זעט מען פון דא אז דאס גייט אינאיינעם, אלע קשיות און אלע מחשבות פון כפירות און אפיקורסות קומט פון דעם וואס מען איז פוגם בברית.

פגם הברית הייבט זיך אן ביי די אויגן, אז מען היט זיך נישט די אויגן איז מען פוגם בברית. היינטיגע צייטן לעבן מיר אין א דור וואס אלעס איז אפן, ניאוף איז אפן פאר אלעמען, אז מען פאלט אריין אין דעם ווערט מען אפגעקילט אין די אמונה רחמנא לצלן, בפרט ווען מען האט מיט זיך די כלי משחיתים - סמארט-פאון וכו׳ וכו׳, וואס מען קען זען דערויף אלע שמוץ פון דער וועלט, וואס דאס איז דער ׳בעל פעור׳ פון אונזער דור, צוליב דעם פאלט מען אוועק פון די אמונה.

אינטערעסאנט איז, אז נאך אזוי פיל שרייבן פאר דיר נאכאמאל און נאכאמאל דאס שעדליכקייט פון האבן אן אפענעם וועג צו די אינטערנעט און די ביטערע קאנסעקוועטצן וואס דאס קען דיר צוברענגען השם ישמרינו, און נאכדעם וואס דו זעסט
~~~~~~~~~~

ווי גאנצע משפחות ווערן אויס נאר צוליב דעם - האסטו נאך אלץ נישט די כוחות און שכל דאס אפצולאזן און אפשפארן.

איך וועל דיר ווייטער שרייבן און איך האף צום הייליגן באשעפער אז מיטן דיר שרייבן נאכאמאל און נאכמאל וועט דאס סוף כל סוף פועל'ן; דו וועסט אננעמען מיינע ווערטער וואס קומען ארויס פון מיין צעבראכענעם הארץ.

לערן יעדן טאג דעם דף גמרא וועסטו געראטעוועט ווערן פון די נעגל פונעם שטן.

איך דארף ארײן לויפן צו מיינע טייערע תלמידים, די בחורים ווארטן אויף מיר; איך האב דעם זמן אסאך נייע בחורים, זיי ווארטן און שלינגען יעדן דיבור פון הייליגן רבי'ן.

זיי געזונט.

שרייב מיר צוריק אפאר ווערטער וועסטו מיר מחי' זיין.

...

~~~~~~~~~~

**ווער עס וועט גיין הפצה וועט שטענדיג האבן געלט אין טאש.**

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת וישלח, י"א כסליו, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

פארוואס זאלסטו גיין ארבעטן אין א גראסערי וואס דו וועסט אהיים קומען מיט וויניגער געלט ווי מען קען לעבן בכלל?! ענדערש זאלסטו גיין הפצה וועסטו האבן גרויס עשירות.

מוהרא"ש האט מבטיח געווען אז ווער עס וועט גיין הפצה וועט שטענדיג האבן געלט אין טאש; בפרט אין ארץ ישראל דארט האסטו מיליאנען אידישע קינדער וואס מען האט זיי לײדער אוועק געריסן פון די אמונה און ווען מען איז זיי מזכה מיט די הייליגע ספרים און קונטרסים זענען זיי זיך מורא'דיג מחי'; זיי געבן זייער שיין צדקה, בפרט אחינו בני ישראל די ספרדי'שע אידן נעמען זייער שיין די קונטרסים.

אז דו פרעגסט מיר וואס צו טון און דו שרייבסט מיר נאכאמאל: "וואס דער ראש ישיבה וועט מיר זאגן וועל איך טון", זאג איך דיר: "נאר מיין דעה איז פאר דיר ענדערש צו גיין הפצה ווי שטיין אין א גראסערי".

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.
~~~~~~~~~~

...

~~~~~~~~~~~

**עלטערן דארפן ארבעטן צוזאמען מיט'ן מלמד.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ב׳ פרשת וישלח, י״א כסליו, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

איך האב זייער הנאה אז דו רעדסט מיט דיין זונ׳ס מלמד, דו ווילסט דיין זון זאל מצליח זיין. אונזערע מלמדים זענען איינס ביי איינס ערליכע אידן, איבערגעגעבענע מלמדים מיט אייזערנע סבלנות. עס איז ממש געזאגט געווארן ביי זיי דעם פסוק (דניאל א, ד): ״וַאֲשֶׁר כֹּחַ בָּהֶם לַעֲמֹד בְּהֵיכַל הַמֶּלֶךְ״; די מלמדים נוצן נישט זייערע הענט, ווייל דער רבי האט נישט געלאזט שלאגן.

דעריבער אז דו פארציילסט מיר אז דו רופסט דיין קינד׳ס מלמד און דו ביסט אינטערעסירט צוצוהעלפן, וועסטו זען מיטן אייבערשטנ׳ס הילף אסאך נחת פון דיינע קינדער.

איין מאל א חודש זאלסטו ווייזן דיין לוח וכו׳ פאר דיין דַיָּין וועם דו פרעגסט דיינע שאלות, ער זאל דיר העלפן אויסשטעלן דעם לוח אז דו זאלסט זיין אפגעהיטן אין אלע הלכות.

מען מוז האבן א דיין וועם מען פרעגט שאלות און מען טאר זיך נישט שעמען צו פרעגן שאלות; עס איז נישט דא אזא זאך אז מען זאל זיך אליינס פסק׳נען מראות וכו׳. יעדעס מאל מען האט א שאלה דארף מען גיין פרעגן א דיין. חכמינו זכרונם לברכה זאגן (אבות ב, ה): ״וְלֹא הַבַּיְשָׁן לָמֵד״, דער וואס שעמט זיך צו פרעגן ווייסט נישט ווי אזוי זיך צו פירן; יעדע שאלה וואס מען האט מוז מען פרעגן אן ערליכן מורה הוראה, נאר אזוי קען מען זיין אפגעהיטן אין טהרת המשפחה.

קומענדיגע וואך מיטוואך וועט פארקומען אן ״אסיפת הורים״ פאר די מאמעס פון די קינדער וואס לערנען אין סקול בית פיגא; זאלסט אוועק לייגן דעם נאכט אז דיין ווייב זאל קענען קומען.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~~

**בנוגע דעם בנין אין אומאן.**

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת וישלח, י"א כסליו, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

איך וועל אם ירצה ה' שיקן נאך געלט קיין אומאן, אבער איך וויל וויסן וויפיל עס גייט מיר נאך קאסטן צו ענדיגן דעם בנין עס זאל נישט אריין רעגענען. יעדן טאג בעט ער נאך געלט, איך קען נישט אזוי; נאר אז דו געבסט מיר א דו"ח וויפיל עס וועט מיר קאסטן צו ענדיגן דעם בנין בלויז אויף אזוי פיל אז עס זאל נישט אריין רעגענען.

לעת עתה וויל איך ענדיגן דעם בנין פון אינדרויסן אזוי אויך די רעלינגס פאר די טרעפ. איך וויל פארמאכן די פענסטערס אז מען זאל חס ושלום נישט ארויס פאלן רחמנא לצלן, און אפשר אויך אריין ברענגען לעקטער; דאס איז מיר גענוג.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~

**די מיידלעך וואס ווערן מחונך אין "בית פיגא" לעבן און אטעמען מיטן אייבערשטן - מיט שמחה.**

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת וישלח, י"ב כסליו, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

אם ירצה ה' דעם קומענדיגן מיטוואך פרשת וישב וועט פארקומען אן "אסיפת הורים" פאר אלע מאמעס וואס האבן קינדער אין אונזער מוסד - סיי פאר די וואס האבן אינגלעך אין חדר און סיי פאר די וואס האבן מיידלעך אין סקול. צו די אסיפה זענען אויך גערופן די פרויען וואס שיקן נאך נישט די קינדער אינעם מוסד, און אלע וואס פאררופן זיך אז זייער פלאץ איז אין היכל הקודש. איך וויל אז אלע זאלן זיין אן קיין אויסנאם; איך האב זייער א וויכטיגע נושא איבערצוגעבן פאר אלע עלטערן, דעריבער זאלסטו אלעס לייגן אין א זייט אז דיין ווייב זאל קענען קומען מיט האלטן דעם אווענט, חינוך הבנים והבנות איז די חשוב'סטע זאך ביי כלל ישראל.

מיר האבן א סקול איינס אין דער וועלט; עס איז נישט דא נאך אזא פלאץ אין דער וועלט וואו מיידלעך לעבן מיטן אייבערשטן וואו אין דעם סקול. מיר דארפן דאנקען אונזער מנהלת מרת ... תחי' פארן אויספירן איר שליחות מיט די גרעסטע מאס
~~~~~~~~~~

איבערגעגעבנקייט וואס איז שייך; זי לייגט אריין אלע אירע כוחות אין די קינדער זיי זאלן אויסוואקסן אזוי ווי עס דארף צו זיין. קיינער ווייסט נישט וויפיל כח און מי מיר לייגן אריין אין יעדן קינד; אפילו די וואס באדאנקען זיך ווייסן אויך נישט באמת וואס פאר אן ארבעט ליגט אונטער יעדן קינד. נישט אייביג קען מען אריין מישן עלטערן וכו׳, אסאך מאל דארפן מיר האבן שלאפלאזע נעכט צו טון דאס בעסטע פאר די קינדער אן דעם וואס איינער זאל אפילו וויסן דערפון; זי איז פאר אונזערע קינדער ווי א געטרייע מאמע.

אונזער הצלחה איז אז מיר ארבעטן אינאיינעם; אלע האבן מיר איין ווילן און איין שטרעבונג: אויפציען קינדער מיט אמונה אינעם אייבערשטן, קינדער מיט גוטע מידות און קינדער וואס וועלן זיך אפהיטן פון שלעכטע מענטשן. סיי די טיטשערס און סיי די מנהלת תחי׳ ארבעטן צוזאמען; יעדע וואך מיטוואך קומען זיך צוזאם די מנהלת מיט די טיטשערס און איך געב א שמועס פאר אלע טיטשערס זיי מחזק זיין ווי אזוי זיך אומצוגיין מיט די קינדער.

מיר לייגן אריין אין די קינדער זיי זאלן לעבן מיטן אייבערשטן; אלע מיידלעך זאגן תהילים, נישט אלץ קנס אדער פאר א שרעקעדיגע זאך, נאר ווייל דאס איז א חלק פון זייער לעבן; וואו אין די וועלט האסטו אזא זאך אז מיידלעך זאלן יעדן טאג ענדיגן דעם יום תהילים?! וואו אויף די וועלט האסטו אזא זאך אז מיידלעך זאלן לעבן און אטעמען מיטן אייבערשטן ווי די ״בית פיגא״ מיידלעך?!

בקרוב וועט פארקומען אן ׳אסיפת הורים׳ אין חדר מיט די מלמדים; איך וועל דיר מודיע זיין ווען דאס וועט זיין.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~~

**אנהויבן דעם טאג מיט א דף גמרא.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ג׳ פרשת וישלח, י״ב כסליו, שנת תשע״ט לפרט קטן

**מרת ... תחי׳.**

א גרויסן יישר כח פארן נעמען פון מיר צוויי קינדער פאר די פאר טעג אז איך זאל קענען גיין מיט מיין ווייב קיין ארץ ישראל און אויך צום רבי׳נס ציון; איך בין אייך שטארק מכיר טובה אויף דעם, דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט האבן נחת פון אייערע קינדער.
~~~~~~~~~~~

איר ווייסט אודאי אז אייער מאן האט אנגעהויבן צו לערנען אין כולל יעדן אינדערפרי פאר איין שעה - פון צען ביז עלעף אזייגער; איך האב אים געגעבן א גוטע חברותא וואס זאל לערנען מיט אים דעם דף גמרא יעדן טאג.

וויל איך אייך בעטן איר זאלט אים מחזק זיין און מעודד זיין ער זאל קומען יעדן אינדערפרי פאר די איין שעה; איר ווייסט דאך ווי שטארק מוהרא"ש האט פארלאנגט פון יעדן אינגערמאן אין יבניאל מען זאל קומען אין כולל האבן א שיעור אינדערפרי. אלע מפיצים אין יבניאל טוען אזוי, זיי הייבן אן דעם טאג מיט לימוד התורה און נאכדעם גייען זיי ארויס אויפן שלאכט פעלד מלחמה האלטן מיטן יצר הרע.

דעריבער זאלט איר שטארקן אייער מאן ער זאל קומען לערנען, אין דעם זכות וועט איר האבן הצלחה אין אלע אייערע ענינים.

איךווארט צו הערן צי איר האט באקומען דעם בריוו.

...

~~~~~~~~~~

**אז מ'וואקסט אויף מיט'ן רבינ'ס הקדמות האט מען אן אנדערע לעבן.**

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת וישלח, י"ב כסליו, שנת תשע"ט לפרט קטן

**מרת ... תחי', מנהלת בית פיגא ברסלב.**

א גרויסן יישר כח פארן נעמען מיין זון ... נרו יאיר דורכאויס די פאר טעג אז איך זאל זיך קענען אריבער כאפן קיין ארץ ישראל און קיין אומאן צום הייליגן רבינ'ס ציון.

איך וועל מתפלל זיין ביי די מקומות הקדושים פאר אייך און פאר אייער מאן; מיר קומען אייך א גרויסן הכרת הטוב פאר אלעס וואס איר טוט מיט אונזערע קינדער, איר געבט אוועק אייער לעבן פאר אונזערע קינדער.

יעצט ווען מיר האבן שוין כלות תלמידות פון בית פיגא דארף מען זיי צוזאמנעמען נאך זייער חתונה - כאטש איין מאל א חודש - פאר א פריוואטע שיעור; אינה דומה א ווייבל וואס האט חתונה מיט די ריכטיגע הקדמות פון קינדערווייז אן ווי די וואס איז אויפגעוואקסן אן דעם רבי'ן, פאר זיי וועט מען דארפן מאכן באזונדערע פרויען שיעורים.

איך האב אנגעגרייט א שיעור פאר די 'נחת אווענט' וואס וועט אם ירצה ה' פארקומען קומענדיגע וואך מיטוואך נאכט; אויך האבן מיר אנגעגרייט א שפיל ווי עס זעט אויס ביי די שטובער וואו מען ברענגט אריין א 'סמארטפאון' אין שטוב, ווי די קינדער האבן נישט מיט וועם צו רעדן ווען די עלטערן זענען פארנומען טאג און נאכט
~~~~~~~~~~

מיט זייער סעלפאון. איך האף צום אייבערשטן אז איך וועל פועל'ן ביי אלע עלטערן זיי זאלן נישט אהיים ברענגען קיין סמארטפאון, טעבלעט וכו' וכו', אזוי וועלן מיר קענען אויפברענגען א דור פון ערליכע אידישע קינדער.

איך פריי מיר זייער אז די מיידלעך אליינס רוימען אוועק די קלאסן און טראגן די אחריות אז די קלאסן זאלן זיין זויבער; עס איז גוט אז מען לערנט אויס מיידלעך אחריות און מידות טובות.

דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט האבן הצלחה אין אייער הייליגע ארבעט.

ד..

~~~~~~~~~~~

**"אשר בנחל" געבט חיות פארן יעדן מענטש אין יעדע מצב.**

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת וישלח, י"ג כסליו, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

מאך זיך א שיעור אינעם ספר 'אשר בנחל'; עס איז נישט דא אין קיין שום אנדערע ספר אזא געטליכקייט ווי עס איז דא אין דעם הייליגן ספר. אז דו פארשטייסט נישט קיין לשון הקודש זאלסטו לערנען די אידישע בריוון פון אשר בנחל; מוהרא"ש האט געשריבן איבער אכט הונדערט בריוום אין אידיש - דאס זאלסטו לערנען כסדרן, דארט וועסטו טרעפן תירוצים אויף אלע דיינע ספיקות, און חיזוקים אויף אלע סארט איבערגייעכץ וואס דו גייסט אדורך.

מוהרא"ש האט געשריבן די בריוון - נישט מיט טינט נאר מיט בלוט פון זיין ריינע הארץ צו מחזק זיין אידישע קינדער; אלע בריוון אין אשר בנחל זענען געשריבן געווארן פאר אונז בפרטיות, אז מיר וועלן דאס לערנען וועלן מיר זיין מחוזק און זיך פירן אויפן ריכטיגן וועג.

אלץ קינד האב איך זייער שטארק געוואלט זיין אן ערליכער איד, איך האב געמיינט אז צו זיין אן ערליכער איד דארף מען זיך אפשיידן פון די וועלט און איך פלעג ווערן דערפון זייער צעבראכן, ווייל איך האב נישט געקענט נאכמאכן אלע מעשיות וואס איך פלעג ליינען פון צדיקים. ביז דער אייבערשטער האט אויף מיר רחמנות געהאט און געפירט אז איך האב געטראפן א קליין ספר'ל 'אשר בנחל - חלק כז'! איך האב נישט געוויסט ווער עס האט געשריבן די בריוון, וואס דאס איז געווען פאר מיר אן עקסטערע נס, ווייל מיר האט מען אויסגעלערנט אז מען טאר נישט נעמען די ספרים און די קונטרסים וכו' וכו'.
~~~~~~~~~~~

למעשה פון ווען איך האב גענומען דעם ספר אין מיין האנט הער איך נישט אויף דאס צו לערנען; דער ספר האט מיר אזוי איבערגענומען אז איך האב טעגליך דורכגעליינט דעם גאנצן באנד. איך פלעג זיצן פארגליווערט און פארפרוירן בשעת איך האב עס געליינט, עס פלעגט מיר רינען טרערן פון די אויגן בשעת׳ן ליינען דעם ספר. מיין ווייב פלעגט מיר פרעגן: "וואס שטייט דארט אזוי אינטערעסאנט אז מען קען נישט רעדן צו דיר ווען דו ליינסט דאס?" אבער דער אמת איז אז מיר האט מורא׳דיג איבערגענומען די בריוון, ווייל דורך דעם ספר האב איך געזען און פארשטאנען אז: "איך קען אויך זוכה זיין צו זיין צוגעקלעבט צום אייבערשטן".

דעריבער אז דו זוכסט חיזוק און דו ווילסט ארויס גיין פון דיין עצבות און מרה שחורה זאלסטו לערנען אסאך בריוון אין אשר בנחל כסדרן דיקא אויפן קול מיט א חיות, אז די ווערטער זאלן אריין גיין אין דיין הארץ.

נעכטן רופט מיר אן א אינגערמאן און פרעגט מיר: "ראש ישיבה ווי לאנג נאך וועל איך זיך אזוי מוטשען?" זאג איך אים: "נעם א משניות און זאג אפאר פרקים משניות יעדן טאג; דאס וועט דיר פרייליך מאכן און דאס וועט דיר ארויס נעמען פון דיין עצבות ומרה שחורה", זאגט ער מיר: "איך זאג שוין יארן משניות און עס העלפט נישט!" פרעג איך אים: "דו זאגסט יארן משניות? ווען איז געווען די לעצטע מאל וואס דו האסט געעפנט א משניות?!" זאגט ער מיר: "גערעכט, איך האב שוין יארן נישט געעפענט קיין משניות"; האב איך געזען אז עס קען זיך דאכטן פאר א מענטש אז מען לערנט און מען טוט די אלע עצות, און נאכדעם וואס מען זעט נישט קיין רעזולטאטן קוקט מען אן די אלע סגולות ווי פעולות וואס העלפן נישט, ווען באמת טוט מען דאס נישט, מען מיינט נאר אז מען טוט דאס... אויף דעם אליינס דארף מען קומען צום צדיק, מען זאל זיך נישט איינרעדן אז מען איז בסדר.

איך האף אז די פאר ווערטער וועט דיר אריין גיין אין קאפ; דו וועסט זיך אויפוועקן פון דיין שלאף און אנהייבן לערנען און דאווענען.

זיי געזונט.

...

~~~~~~~~~~

**עס איז נישט קיין דרך הטבע די טייערע שידוכים וואס איר טוט.**

**בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת וישלח, י"ג כסליו, שנת תשע"ט לפרט קטן**

**לכבוד ... נרו יאיר וזוגתו תחי׳.**
~~~~~~~~~~

א גרויסן דאנק פארן העלפן די ישיבה מיטן געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; דער אייבערשטער זאל העלפן אז אין דעם זכות זאלן ענק זוכה זיין צו מצליח זיין אין אלע ענקערע ענינים.

מזל טוב פאר די שידוך פון אייער זון ... נרו יאיר! דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט זען נחת ביי אים און ביי אלע אייערע קינדער און אייניקלעך.

קוקט׳ס וואספארא חסדים דער אייבערשטער טוט מיט אייך; ווער עס האט נאר אויגן זעט אז עס איז נישט קיין דרך הטבע די טייערע שידוכים וואס איר טוט, אזוי יונגערהייט, ביי איין קינד נאכן צווייטן. דאס איז נאר אין די זכות וואס דו און דיין ווייב העלפן די מוסד מיט א מורא׳דיגע איבערגעגעבנקייט אין יעדע פרט און פרט.

איך בעט אייך: האטס שכל און מאכטס נישט א טייערע שמחה; מאכטס די שמחה ״אידיש״ מיט א אידיש׳ן טעם. געבט נישט אויס קיין געלט, ענדערש נעמט די געלט און באצאלט אלטע חובות.

איך האף אז איר וועט פאלגן.

...

~~~~~~~~~~

**ביסט א מקדש שם שמים מיט דיין אויפפירונג.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת וישלח, י״ג כסליו, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער תלמיד ... נרו יאיר.**

איך שרייב דיר יעצט דעם בריוו פון הימל; איך פלי יעצט קיין ארץ ישראל וואו איך וועל בעטן פאר דיר און פאר דיין משפחה ביי אלע מקומות הקדושים וואו איך וועל זיין, בפרט ביי מוהרא״ש.

איך וועל דערציילן פאר מוהרא״ש אלעס וואס דו העלפסט מיר און אלעס וואס גייט אריבער אויף דיר; איך גלייב אז בקרוב וועסטו האבן א ישועה שלימה.

רק חזק אחי היקר! שטארק זיך ווייטער מיט דיין איידעלע התנהגות; דו ביסט א מקדש שם שמים מיט דיין אויפפירונג. וואו זעט מען היינט אינגעלייט וואס ארבעטן א גאנצן טאג זאלן האב א ריין מויל? וואו זעט מען היינט אינגעלייט ארבייטערס מיט ריינע אויגן וכו׳ וכו׳? נאר ביים הייליגן רבי׳ן.
~~~~~~~~~~

איך דאנק דיר פארן העלפן די ישיבה מיטן געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; אין דעם זכות זאל דיר דער אייבערשטער העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

דיין ראש ישיבה.

...

~~~~~~~~~~

**טו אלעס אויף דער וועלט ארויס צו גיין פון דיינע חובות.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת וישלח, י״ג כסליו, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר.**

א גרויסן יישר כח פארן העלפן די ישיבה מיטן צושטייער געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; דער אייבערשטער זאל דיר העלפן אז בזכות די צדקה זאלסטו האבן הצלחה אין אלע דיינע ענינים.

געב אכטונג דו זאלסט נישט האבן חובות; לדעתי קומט די גאנצע שווועריקייט וואס דו גייסט אדורך מיט דיין געזונט צוליב דיינע חובות. די חובות מאכן א לחץ און א פרעשור וואס דאס מאכט דיין גאנצע פראבלעם.

דערפאר זאלסטו טון אלעס אויף דער וועלט ארויס צו גיין פון דיינע חובות; אז דו וועסט ארויסגיין פון דיינע חובות וועט אוועק גיין פון דיר דיין מחלה השם ישמרינו, וואס קומט נאר פון פרעשור.

איך פריי זיך יעדעס מאל ווען דו קומסט צום "ליל שישי שיעור"; איך ווייס אז עס קומט דיר אן שווער צו קומען נאך א טאג ארבעט וכו׳, דאך קומסטו זיך מחזק זיין מיט די עצות פון רבי׳ן.

יעדן אינדערפרי זאלסטו גיין אויף א שפאציר ארום דיין דירה און זיך אויסגיסן דיין הארץ צום אייבערשטן, דורכדעם וועסטו ארויסגיין פון אלע חובות און זיין געזונט.

מיט ליבשאפט, דיין ראש ישיבה.

...

~~~~~~~~~~

**ביים אייבערשטן איז אלץ מעגליך, קען זיין כהרף עין איך זאל געהאלפן ווערן**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת וישלח, י״ג כסליו, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר.**

א גרויסן יישר כח פארן העלפן די ישיבה מיטן געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; דער אייבערשטער זאל העלפן אז בזכות די צדקה זאלסטו זוכה זיין צו מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

פאר דיר וואלט איך געדארפט שרייבן יעדן טאג א בריוו פאר דעם וואס דו העלפסט מיר מיט די סקול; איך ווייס ביי מיר אז איך קען זיין רואיג וויסנדיג אז אלעס איז מסודר אין סקול ווייל דו ביסט דער מענידזשער דארט. דו ברענגסט די עסן יעדן טאג און אזוי אויך זעסטו אז אלעס זאל זיין ריין וכו׳ וכו׳.

איך בעט דיר טייערער ... נרו יאיר, ווארט אויס אין ישיבה אויף דיין שידוך; דער הייליגער תם פלעגט זאגן: ״ביים אייבערשטן איז אלץ מעגליך, קען זיין כהרף עין איך זאל געהאלפן ווערן״; אין איין מינוט קען דיין ברודער און דו טרעפן א שידוך!

זע ארומצוגיין מיט א שמייכל, ווייל מיידלעך ווילן נאר א פריילִיכער בחור, נישט קיין באבלאזענער וד״ל.

איך האב דיר ליב.

...

~~~~~~~~~~

**דערהאלט זיך און ווארט אויס אויף דיין שידוך.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת וישלח, י״ג כסליו, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ליבער הארציגער ... נרו יאיר.**

איך האב דיר זייער ליב, דו ביסט ביי מיר זייער חשוב.

דערפאר בעט איך דיר זייער: דערהאלט זיך און ווארט אויס אויף דיין שידוך; איך ווייס אז עס איז דיר זייער שווער, איך ווייס אז דו קענסט מער נישט ווארטן קיין איין רגע און דו ווערסט פארברענגט יעדע מינוט. דאך ליבער ברודער, געדענק אז מיר האבן א גרויסער באשעפער וואס פירט די גאנצע וועלט, ער האט פאר דיר א שידוך.

איך זאג דיר צו אז דו וועסט שיין חתונה האבן; ״ווען?״ ״וואס?״ ״וואו?״ דאס האט נאר מיטן אייבערשטן, די זאך פון שידוכים איז באהאלטן און פארבארגן פון אלעמען.

איך וועל אם ירצה ה׳ מזכיר זיין דיין נאמען: ״... בן ...״ ביי אלע מקומות הקדושים.
~~~~~~~~~~

איך זיך יעצט אויפן פליגער אויפן וועג קיין ארץ ישראל; יעצט פאר איך מיט מיין ווייב און קינדער, אם ירצה ה׳ קומענדיגן חודש וועל איך מאכן א נסיעה מיט דיר און מיט די אנדערע בחורים.

א גרויסן יישר כח פארן העלפן די ישיבה מיטן צושטייער געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; העלף מיר ווייטער מיט אלעס, בעט דעם אייבערשטן אז דו זאלסט אלעמאל קענען העלפן דיין ראש ישיבה וואס האט דיר געגעבן לעבן.

...

~~~~~~~~~~

**הפצה איז נומער איינס.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת וישלח, י״ג כסליו, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

ווילאנג מיר געפונען זיך אויף דער וועלט וועלן מיר נישט וויסן אונזערע זכותים און שכר וואס מיר קויפן זיך איין פארן מזכה זיין אידישע קינדער מיט די ספרים וואס מיר דרוקן און פארשפרייטן.

איך בעט דיר טייערער ... נרו יאיר, זיי ממשיך מיטן דרוקן די ספרים, קונטרסים, גליונות, סידי׳ס און עס-די קארדס וכו׳ וכו׳.

געדענק וואס די הייליגע חכמים זאגן (אבות ה, יח): ״כָּל הַמְזַכֶּה אֶת הָרַבִּים, אֵין חֵטְא בָּא עַל יָדוֹ״.

ביי מוהרא״ש איז ״הפצה״ געווען נומער איינס; מוהרא״ש האט געהאט אסאך זאכן וואס ער האט געטון, אבער ״הפצה״ איז געווען זיין זאך.

בעט איך דיר טייערער ברודער: ״חזק ואמץ ואחוז עצמך בכל כוחך להמשיך להדפיס הקונטרסים של מוהרא״ש בלי הפסק״.

זיי מחזק בחורים און אינגעלייט צו קומען העלפן אז די מאשינען זאלן פונקציאנירן און דרוקן פיר און צוואנציג שעה אן קיין אויפהער.

א גרויסן יישר כח פארן העלפן די ישיבה מיטן געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; דער אייבערשטער זאל דיר העלפן אז בזכות די צדקה זאלסטו זוכה זיין צו מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

פון דיין ראש ישיבה.

...
~~~~~~~~~~

~~~~~~~~~~

**זיי מוסיף והולך אין דיין עבודת ה׳**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת וישלח, י״ג כסליו, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר.**

איך האף אז דו גייסט אן בבחינת מוסיף והולך אין דיין עבודת ה׳ - תורה תפלה, און בעיקר צו פארשפרייטן די קונטרסים און גליונות וכו׳ וכו׳.

א גרויסן יישר כח פארן העלפן די ישיבה מיטן געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; אין דעם זכות זאלסטו מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~

**א שיינעם שטעטל על שם רבינו.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת וישלח, י״ג כסליו, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר.**

איך בין יעצט אויפן וועג קיין ארץ ישראל; איך שרייב דיר א בריוו פון הימל, פון העכער די וואלקענעס.

שטארק דיך טייערער ... נרו יאיר און שטארק דיין ווייב תחי׳; איך וועל אם ירצה ה׳ מתפלל זיין פאר דיר און פאר דיין משפחה, איך וועל דערציילן פאר מוהרא״ש אלעס וואס איר טוט אויפצובויען אונזערע מוסדות.

דו האסט א גרויסער חלק אין אלע אונזערע גוטע מעשים; אינעם חדר, סקול, הדפסה און קעמפ, יעצט וועסטו אויך האבן א חלק אין דאס בויען א שיינעם שטעטל על שם רבינו; נאך אביסל וועלן מיר זוכה זיין צו האבן א ״ברסלב׳ע שטעטל״ אין אמעריקע.

מוהרא״ש האט אויפגעשטעלט א שטעטל אין ארץ ישראל אויפן רבינ׳ס נאמען, מיר וועלן דאס אם ירצה ה׳ נאכמאכן אין אמעריקע; ונזכה ונחי׳ ונראה.

איך בין דיר זייער דאנקבאר פארן העלפן די ישיבה מיטן געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; דער אייבערשטער זאל העלפן אז אין דעם זכות זאלסטו מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

געב איבער פאר דיין אשת חיל א דאנק פון מיר פאר איר איבערגעגעבענע ארבעט פאר די מוסד.

...

~~~~~~~~~~~

**דו קענסט אויסהיילן דיין ווייב.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת וישלח, י״ג כסליו, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד מיין הארציגער ... נרו יאיר.**

איך בין דיר זייער דאנקבאר פארן העלפן די ישיבה מיטן געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; דער אייבערשטער זאל דיר העלפן אז בזכות די צדקה זאלסטו האבן אלעס גוטס.

עס טוט מיר מורא׳דיג וויי צו הערן פון דיר אז דיין ווייב דארף זיין אין שפיטאל פאר עטליכע וואכן זיך צו ערהוילן פון איר מחלה פון נישט וועלן עסן; דו דארפסט זיין אליין און דיינע קינדער זענען צעטיילט.

הער מיר צו טייערער ברודער, טייערער תלמיד, דו קענסט אויסהיילן דיין ווייב, עס ווענדט זיך נאר אין דיר; אויב דו וועסט איר פרייליך מאכן וועט זי ווערן געזונט.

די הייליגע חכמים דערציילן (שבת קכט.): ״בְּרַתֵּיהּ דְּרַב חִסְדָּא טָבְלָה בְּגוֹ תְּלָתִין יוֹמִין שֶׁלֹּא בִּפְנֵי בַּעְלָהּ וְאִצְטְנִיאַתְּ״, רבא׳ס ווייב האט זיך פארקילט און זי איז קראנק געווארן, רבא איז דעמאלט נישט געווען אין שטוב ער איז געווען אין ישיבה אין פומבדיתא (דעמאלט איז געווען די סדר אז מען פלעגט אוועק פארן פאר א לאנגע צייט לערנען תורה), ״וְאַמְטוּי לְעַרְסָהּ בַּתְרֵיהּ דְּרָבָא לְפוּמְבַּדִיתָא״, האט מען איר געטראגן מיט איר בעט קיין פומבדיתא אין די ישיבה וואו רבא איז געווען ראש ישיבה און זי איז אויסגעהיילט געווארן; קוק נאך די גמרא, ודו״ק.

א ווייב ווערט פרייליך ווען איר מאן לערנט אין שטוב; ווען איר מאן האט נישט קיין סמארטפאון - אדער על כל פנים ער ברענגט דאס נישט אהיים אין שטוב, וואס דאס מאכט אז דער מאן זאל נישט זיין אין שטוב, אפילו דער גוף איז אין שטוב אז אבער זיין קאפ נישט מיט אים.

דערפאר טייערער ..., מיין הארץ גייט מיר אויס פאר דיר אז יעדע שטיק צייט פאלט דיין ווייב צוריק צו איר פראבלעם פון נישט עסן און מען דארף איר איינשפארן וכו׳; אבער איך בין זייער שטארק מיט וואס איך זאג דיר אז ״דו קענסט איר ארויסנעמען פון איר מחלה״.

דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר״ן, חלק ב׳, סימן כד) אז אלע מחלות קומען פון עצבות, בפרט די קראנקהייטן וואס קומען פון מח; דער מח וויל נישט לאזן עסן ווייל
~~~~~~~~~~~

מען וויל זיין שיין דאר, דאס קומט פאר בדרך כלל ביי נישט פרייליכע מענטשן וואס ווילן געפעלן פאר אנדערע. דאס איז זייער גאנצער לעבן, זיי לעבן שטענדיג מיט שרעק: 'אויב וועל איך עסן וועל איך נישט אויסזען שיין'.

אויב דו וועסט זיך פירן ווי אזוי איך האב דיר געלערנט; דו וועסט לערנען אין שטוב, דו וועסט גיין דאווענען דריי מאל א טאג און בעיקר זיין א משפיע אין שטוב; געבן ליבשאפט און נאר געבן גוטע ווערטער כסדר אן אויפהער, נישט נאר ווען דו דארפסט עס וכו' - וועט זי אויסגעהיילט ווערן.

יעצט ווען זי איז נישט מיט דיר און דו ביסט אליינס זאלסטו געדענקען אז דו ביסט נישט אליינס, נאר דער אייבערשטער איז מיט דיר, ביי דיר און נעבן דיר. ווייז זיך אויס צום אייבערשטן, רעד צו אים און בעט אים: **"רבונו של עולם, הייל אויס מיין ווייב און שיק איר א גאנצע רפואה; נעם ארויס פון איר קאפ די זאך פון 'נישט עסן'. איך בעט דיר באשעפער האב רחמנות אויף מיר, איך וויל א ווייב, איך דארף א געזונטע ווייב; איך דארף א מאמע פאר מיינע קינדער"**; אזוי זאלסטו רעדן צום אייבערשטן וועסטו זען אז ער וועט דיר העלפן.

טייערער ... נרו יאיר, איך בין יעצט אויפן וועג צו יבניאל און נאכדעם צום הייליגן רבי'ן; איך פאר מיט מיין ווייב און מיינע דריי עלסטע קינדער. איך שרייב דיר דעם בריוו פון הימל, איך טראכט פון דיר אויפן פליגער פליענדיג העכער די וואלקענעס.

מיין הארץ איז צעריסן פאר דיר; מען זעט ווי דיין פנים האט זיך פארענדערט זייט דיין ווייב איז אין שפיטאל, בעט איך דיר: "שטארק דיך און פארליר זיך נישט; דיין ווייב וועט נאך זיין געזונט און שטארק".

דיין ראש ישיבה וואס האט דיר זייער ליב.

...

~~~~~~~~~~~

**שטארק דיר מיט דיין הייליגע ארבעט אלס מלמד.**

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת וישלח, י"ג כסליו, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער... נרו יאיר.**

איך שרייב דיר דעם בריוו פון הימל; איך בין יעצט אויפן פליגער העכער די וואלקענעס, אויפן וועג קיין ארץ ישראל קיין יבניאל אויס'פועל'ן ישועות; איך וועל דיר מזכיר זיין מיט דיין ווייב און קינדער.
~~~~~~~~~~~

שטארק דיר מיט דיין הייליגע ארבעט; דו האסט זוכה געווען צו זיין א מלמד פאר קליינע קינדער, זאלסט אבער שטענדיג האלטן פאר די אויגן אז די קליינע קינדער גייען גרויס ווערן, און וויפיל אמונה און קדושה דו לייגסט אריין אין זיי - דאס וועלן זיי מיטנעמען דורכאויס זייער גאנצע לעבן.

יישר כח פארן העלפן צוזאמנעמען געלט איך זאל קענען ענדיגן דעם בנין אין אומאן, אויך פארן העלפן די ישיבה מיטן געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; דער אייבערשטער זאל העלפן אז בזכות די צדקה זאלסטו זוכה זיין צו האבן הצלחה אין אלע ענינים.

פון דיין ראש ישיבה

...

~~~~~~~~~~

**שלום צווישן תלמידי היכל הקודש.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת וישלח, י״ג כסליו, שנת תשע״ט לפרט קטן

**טייערער ... נרו יאיר וזוגתו תחי׳.**

א גרויסן יישר כח פארן העלפן די ישיבה מיטן געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; דער אייבערשטער זאל ענק העלפן אז אין דעם זכות זאלן ענק זוכה זיין צו מצליח זיין אין אלע ענקערע וועגן.

זייטס ממשיך מיט אייער עבודת הקודש צו העלפן אויפבויען די מוסדות און צו פארשפרייטן די הייליגע עצות פאר די גאנצע וועלט.

דער עיקר דארף מען ארייגלייגן כוחות אז עס זאל זיין שלום צווישן תלמידי היכל הקודש און אלע זאלן זיך ליב האבן; מיר זענען איין גרויסע משפחה.

דו זאלסט זען עס זאל זיין ליבשאפט צווישן די מענער און דיין ווייב זאל ארבעטן עס זאל זיין שלום צווישן די פרויען.

אז מיר וועלן זיך ליב האבן איינער דעם צווייטן וועלן מיר מצליח זיין; מיר וועלן ברענגען משיח צדקינו במהרה בימינו.

איך בעט שטענדיג פאר אייערע קינדערלעך.

...

~~~~~~~~~~

**ניגונים פון אמונה העלפט פאר פחדים.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת וישלח, י״ג כסליו, שנת תשע״ט לפרט קטן

**מרת ... תחי׳.**

איך בין ענק דאנקבאר פארן העלפן די ישיבה מיטן געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; דער אייבערשטער זאל ענק העלפן אז בזכות די צדקה זאלן ענק זוכה זיין צו אלעס גוטס.

איך האב שוין לאנג נישט געהערט וואס איר מאכט; איך בעט פאר אייך און איך האף אז איר זענט רואיג.

יעדעס מאל ווען עס קומט אייך אריין פחדים השם ישמרינו זאלט איר זינגען צו זיך לידער פון אמונה; ווי למשל: ״דער אייבערשטער איז דא״, ״אלעס איז דער אייבערשטער״, ״קיינער קען מיר גארנישט טון״; דאס וועט אוועקנעמען פון אייך אלע פחדים און שרעק.

איך בין יעצט אויפן וועג קיין יבניאל; איך שרייב דעם בריוו פון העכער די וואלקענעס, פון הימל. איך וועל בעטן פאר אייך און פאר אייער משפחה.

א גרוס פון אייער טייערער מאן נרו יאיר; איך האב אים זייער ליב, איך פריי מיך יעדעס מאל ווען ער קומט ארויף אין ישיבה.

...

~~~~~~~~~~

**דיין זון זאל מיט לערנען הלכות שבת.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת וישלח, י״ג כסליו, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער חבר הר״ר ... שליט״א.**

א גריס פון דיינע טייערער ליכטיגע קינדער, בפרט דיין זון הבחור ... נרו יאיר; ער פירט זיך מיט יראת שמים, ער דאווענט ערליך און ער לערנט פלייסיג.

איך האב אויפגענומען א מגיד שיעור וועלכער זאל פארלערנען הלכה, יעצט לערנט מען הלכות שבת - די סימנים הקטנים; איך האב זייער שטארק חשק אז דיין זון זאל מיט לערנען די הלכות. איך מאך דאס בתורת התנדבות, נאכדעם וואס דער מגיד שיעור האט מיר געזאגט אז ער קען נאר פארלערנען אויב ס׳איז בתורת התנדבות, ווייל אויב איז א מוז פאר אלע בחורים צו קומען הייבט זיך אן ״מעשה ישיבה״... און מען קען שטערן ביים שיעור.
~~~~~~~~~~

איך האב שוין געשריבן פאר דיין ווייב תחי' אז זי זאל מחזק זיין דיין זון הבחור ... נרו יאיר ער זאל זיין פון די וואס באטייליגן זיך ביים הלכה שיעור, עס נעמט אינגאנצן א דריי פערטל שעה.

איך דאנק דיר פארן העלפן די ישיבה מיטן געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; דער אייבערשטער זאל העלפן אז בזכות די צדקה זאלסטו האבן הצלחה אין אלע דיינע וועגן.

יישר כח.

...

~~~~~~~~~~

**א קינד דארף שפילן און זיך אויסגעבן.**

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת וישלח, י"ג כסליו, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר.**

א גרויסן דאנק פארן העלפן די ישיבה מיטן געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; אין דעם זכות זאל דיר דער אייבערשטער העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע ענינים.

ברוך ה' אז איך האב דיר געקענט אפצאלן דעם חוב פון $10,000 אין צייט; איך דאנק דיר פארן זיין א גוטער שליח צו בארגן געלט אז מיר זאלן קענען ענדיגן דעם בנין אין אומאן (די פוסקים זענען מתיר צו זאגן "יישר כח").

דער אייבערשטער זאל מיר העלפן איך זאל קענען ארויס גיין פון אלע מיינע חובות אין וואס איך זינק - פון אומאן און פון די מוסדות.

איך האב פארהערט ביי דיין זון ...'ס קלאס; איך מוז דיר זאגן אז דיין זון איז א חריף, ער האט געענטפערט חד וחלק אויף די שאלות. דער אייבערשטער זאל העלפן ער זאל אויסוואקסן א גרויסער ערליכער איד און א תלמוד חכם.

עס פעלט נישט אויס אים צו שטופן צו לערנען ווען ער קומט אהיים; א קינד דארף שפילן און זיך אויסגעבן.

פון דיין ראש ישיבה.

...

~~~~~~~~~~

**קום אמאל ארויף אין ישיבה.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת וישלח, י״ג כסליו, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר.**

איך דאנק דיר פארן העלפן די ישיבה מיטן געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; דער אייבערשטער זאל העלפן אז בזכות די צדקה זאלסטו זוכה זיין צו מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

איך בענק מיר צו דיר און צו הערן וואס דו מאכסט; איך האב דיר ליב טייערער ... נרו יאיר.

קום אמאל ארויף אין ישיבה; אמאל פלעגסטו זיך אריבערכאפן אינמיטן טאג ביי לאנטש, דו פלעגסט ארויף קומען אין ישיבה זאגן אביסל תהלים, עס האט געהאט אלע טעמים.

... טייערער, שטארק דיר און זיי שטאלץ מיט דיין אידישקייט - וועסטו טרעפן א גוטע שידוך.

וואס דו דארפסט זאלסטו בעטן פונעם אייבערשטן.

דיין ראש ישיבה.

...

~~~~~~~~~~

**זייט מחזק אייער מאן אין זיין הייליגע ארבעט.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת וישלח, י״ג כסליו, שנת תשע״ט לפרט קטן

**מרת ... תחי׳.**

איך בין ענק דאנקבאר פארן העלפן די ישיבה מיטן געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; דער אייבערשטער זאל העלפן אז בזכות די צדקה זאלן ענק זוכה זיין צו מצליח זיין אין אלע ענקערע ענינים.

וויפיל דארפט איר דאנקען דעם אייבערשטן אויף די זכיה וואס איר האט אז אייער חשוב׳ער מאן איז זוכה אריין צו ברענגען אין אידישע קינדער די ריינע אמונה און די שיינע חיזוקים פון הייליגן רבי׳ן.

דער זוהר הקדוש זאגט (תרומה קכח): דער וואס ברענגט צוריק אידישע נשמות צום בורא כל עולמים איז זוכה צו האבן קינדער און אייניקלעך גרויסע ערליכע אידן.
~~~~~~~~~~

געבט א קוק וואספארא טייערע גארטן איר האט אויפגעשטעלט; אלע אייערע קינדער איינס ביי איינס זענען קיין עין הרע ערליך און וואויל.

דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט ווייטער ממשיך זיין מחזק צו זיין אייער טייערער מאן נרו יאיר, ער זאל ווייטער עוסק זיין אין זיין הייליגע ארבעט ביתר שאת וביתר עוז.

...

~~~~~~~~~~~

**זיי ממשיך מיט לערנען און דאווענען וועסטו בקרוב טרעפן א גוטע שידוך**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת וישלח, י״ג כסליו, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ליבער ... נרו יאיר.**

איך האב זייער הנאה פון דיר ווי אזוי דו פירסט זיך אויף, און איך פריי מיר זייער שטארק יעדעס מאל וועס דו דערציילסט מיר דיינע סיומים.

זיי ממשיך מיט לערנען און דאווענען וועסטו בקרוב טרעפן א גוטע שידוך און אויפשטעלן אן ערליכער אידיש׳ער שטוב.

יישר כח פארן העלפן די ישיבה; יעדע זאך וואס דארף ווערן פארראכטן טוסטו דאס מיט דיין גאנצע הארץ. אויך דאנק איך דיר פארן העלפן די ישיבה מיטן געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; אין דעם זכות זאלסטו מצליח זיין.

דיין ראש ישיבה.

...

~~~~~~~~~~~

**כאטש דו ביסט נישט אין ישיבה, קום ארויף צו א שיעור.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת וישלח, י״ג כסליו, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר.**

איך פריי מיך זייער צו זען דיין נאמען צווישן די וואס העלפן חודש׳ליך די ישיבה, און איך דאנק דיר פארן זיך משתתף זיין מיט די רענט פאר דעם חודש; דער אייבערשטער זאל העלפן אז בזכות די צדקה זאלסטו זוכה זיין צו מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

איך בענק מיך נאך דיר...; איך פארשטיי אז דו ביסט ארויס פון ישיבה און דו ביסט געגאנגען ארבעטן וכו׳, מיט דעם אלעם וועל איך זיך זייער פרייען דיר צו זען אמאל ביי א שיעור.

דו ווייסט דאך וואס מיר רעדן ביי די שיעורים; נאר שיינע עצות און ווארימע דיבורים וואס העלפט דעם מענטש אינעם טאג טעגליכן לעבן.

דיין ראש ישיבה.

...

~~~~~~~~~~

**וואויל איז דיר אז דו ביסט מזכה אידן מיט אמונה און תפלה.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת וישלח, י״ג כסליו, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר.**

א גרויסן דאנק פארן העלפן די ישיבה מיטן געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; דער אייבערשטער זאל דיר העלפן אז אין דעם זכות זאלסטו מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

מזל טוב פאר דיין מיידעלע תחי׳! דער אייבערשטער זאל דיר געבן כח דו זאלסט איר מגדל זיין צוזאמען מיט דיין ווייב תחי׳ געזונטערהייט, און זען נחת ביי איר און ביי אלע, אמן.

טייערער ברודער ..., אשריך אלף פעמים, אשריך ואשרי חלקך מאה ואלף פעמים אז דו ביסט מזכה צענדליגער טויזנטער אידישע נשמות צו רעדן יעדן טאג צום אייבערשטן, ולהתחזק באמונה, בתורה וביראת ה׳.

צריך שתדע שהס״מ יעשה כל מה שאפשר להחליש דעתך כדי שתפסוק בעבודתך הקדושה, על כן אני מבקש ממך אחי היקר, אנא אל תפסיק מעבודתך, אדרבה, תמשיך ביתר שאת וביתר עוז, ואל תירא ואל תחת מאף אחד בעולם.

באהבה אליך.

...

~~~~~~~~~~

**דיין תמימות, דיין הארץ, איז עפעס אויסנאם.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת וישלח, י״ג כסליו, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער תלמיד ... נרו יאיר.**

א גרויסן דאנק פארן העלפן די ישיבה מיטן געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; דער אייבערשטער זאל העלפן אז בזכות די צדקה זאלסטו זוכה זיין צו מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

איך זיץ יעצט אויפן פליגער אויפן וועג קיין ארץ ישראל און איך טראכט פון דיר...

איך האב שוין געהאט אסאך תלמידים זייט די ישיבה שטייט, אבער דו ביסט אנדערש, דו ביסט מער; דיין תמימות, דיין הארץ ... איז עפעס אויסנאם.

איך האב דיר זייער ליב; ביי מיר איז יעדע תלמיד באליבט ווי א אייגן קינד, מער פון דעם איז ביי מיר באליבט "תמימות"; די בחורים און אינגעלייט וואס האבן תמימות - די זענען מיר איינגעקריצט אין הארצן.

איך בעט דיר טייערער ... נרו יאיר, שטארק דיר מיט אלע כחות און בלייב אין ישיבה; קוק די אלע בחורים וואס גייען ארויס פון ישיבה וואו זיי קומען אן צום סוף... בלייב אין ישיבה וועסטו טרעפן א גוטע שידוך.

איך האף אז דו וועסט קענען ליינען מיין האנט שריפט, עס איז אביסל נישט אזוי קלאר ווייל דער פליגער שאקלט זיך און איך זוץ צושטופט וכו' וכו'.

איך האב דיר ליב ...

...

~~~~~~~~~~~

**איך האב גרויס נחת פון דיין התנהגות.**

**בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת וישלח, י"ג כסליו, שנת תשע"ט לפרט קטן**

**לכבוד מיין טייערער זון ... נרו יאיר.**

איך וויל דיר באדאנקען פארן ארויסהעלפן די ישיבה מיטן געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; דער אייבערשטער זאל דיר העלפן אז בזכות די צדקה זאלסטו מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

וויסן זאלסטו אז איך האב גרויס נחת פון דיין התנהגות; מאמי תחי' זאגט מיר שטענדיג אז עס האט זיך געלוינט אלע רדיפות, בזיונות און שפיכות דמים וואס מיר זענען אריבער ווען מיר זענען מקורב געווארן צו מוהרא"ש, זעענדיג היינט ווי די קינדער לעבן מיט די תורה און מיטן אייבערשטן.
~~~~~~~~~~~

מיין גאנצע חיות איז צו זען ווי דו קומסט יעדן אינדערפרי לערנען מיט מיר א בלאט גמרא בבלי און א בלאט ירושלמי, נאכדעם ווי דו זיצט פאר זיך מיט דיינע ספרים, דו זאגסט ח״י פרקים משניות און א יום תהלים וכו׳ וכו׳.

איך בעט דיר זייער זאלסט גיין צו די שיעור הלכה יעדן טאג; איך האב אויפגענומען א מגיד שיעור הרב ר׳ ... שליט״א פארצולערנען הלכות שבת. די גאנצע שיעור נעמט א קנאפע דריי פערטל שעה, ער לערנט עס פאר בטוב טעם ודעת, אן קיין בחינות און אן קיין פארהערן, סך הכל אז דו זאלסט קענען חתונה האבן קענעדיג הלכות קידוש, הלכות הדלקת הנרות און די הלכות וואס זענען נוגע פאר די סעודות שבת, כדי דו זאלסט קענען בעזר ה׳ אויפשטעלן א שטוב על דרך התורה.

לאז מיר וויסן אויב דו גייסט צום שיעור - וועסטו מיר מחי׳ זיין.

פון דיין טאטע.

...

~~~~~~~~~~~

**דורך שמחה וועסטו ארויסגיין פון אלע פראבלעמען; די עצה דערצו.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ה׳ פרשת וישלח, י״ד כסליו, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

מיט שמחה וועסטו ארויס גיין פון אלע דיינע פראבלעמען; אלע דיינע וויטאגן און איבערגייעכצער וואס דו גייסט אריבער איז נאר ווייל דו ביסט נישט פריילך, אז דו וועסט זיין פריילך וועסטו זען ווי דו גייסט ארויס פון אלע שוועריקייטן, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (ישעיהו נה, יב): ״כִּי בְשִׂמְחָה תֵצֵאוּ״, דורך שמחה גייט מען ארויס פון אלע פראבלעמען.

דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר״ן, חלק ב׳, סימן כד): ״מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד, וּלְהִתְגַּבֵּר לְהַרְחִיק הָעַצְבוּת וְהַמָּרָה שְׁחֹרָה בְּכָל כֹּחוֹ, וְכָל הַחוֹלַאַת הַבָּאִין עַל הָאָדָם - כֻּלָּם בָּאִין רַק מִקִּלְקוּל הַשִּׂמְחָה״, עס איז א גרויסע מצוה צו זיין שטענדיג פריילך און זיך שטארקן מיט אלע כחות נישט צו זיין טרויעריג און דעפרעסט, ווייל אלע מחלות און אלע קרענק קומען ווייל מען איז דעפרעסט און נישט פריילך. און דער רבי זאגט דארט ווייטער: ״גַּם חַכְמֵי הָרוֹפְאִים אָמְרוּ, שֶׁכָּל הַמַּחֲלוֹת וְהַחֳלָאִים רָעִים בָּאִים רַק מַחֲמַת חִסָּרוֹן הַשִּׂמְחָה״, אפילו די דאקטורים זאגן אז אלע מחלות קומען פון דעפרעסיע און ווייל מען איז נישט פריילך.
~~~~~~~~~~~

וועסטו מיר פרעגן: "ווי אזוי קען איך זיין פריילך ווען עס גייט אריבער אויף מיר אזא שווערע צייט רחמנא לצלן?" זאלסטו וויסן און געדענקען אז דער הייליגער רבי האט אונז געגעבן א מתנה וואס הייסט "התבודדות". אז א מענטש זאל זיך אויסרעדן זיין הארץ צום אייבערשטן אויף זיין שפראך וואס ער איז געוואוינט צו רעדן, ער זאל אלעס פארציילן פארן אייבערשטן - בפרטי פרטיות. ווען א מענטש געוואוינט זיך צו אויס צו רעדן זיין הארץ צום אייבערשטן ווערט ער פריילך.

מיין נישט אז נאר דו גייסט אריבער א שווערע צייט וכו' וכו', נאר יעדע מענטש פראבירט מען אויס מיט שוועריקייטן; מענטשן עסן זיך אויף לעבעדיגערהייט פון כל מיני פראבלעמען וואס ליגט זיי אויפן הארץ, דאס מאכט מען זאל ווערן דעפרעסט, אבער אויב מען נעמט עס ארויס פון זיך, מען דערציילט דאס אויס פארן אייבערשטן, ווערט מען פריילך און רואיג.

דעריבער טייערער ליבער הארציגער ברודער ... נרו יאיר, גיי אין א פלאץ וואו עס איז ליידיג פון מענטשן, דארט זאלסטו זיך ארויס רעדן דיין הארץ פארן אייבערשטן, דערצייל פארן אייבערשטן אלעס וואס דו גייסט אריבער, שמועס מיט אים ווי דו שמועסט מיט א חבר. דערצייל אים אויס אלעס, שעם זיך נישט אים צו דערציילן ווי דער יצר הרע ווארפט דיר אראפ אין עבירות רחמנא לצלן, וועסטו זען ווי אלעס וועט זיך איבער דרייען לטובה.

אז דו וועסט רעדן צום אייבערשטן וועסטו ווערן פריילך.

איך האף אז דו לערנסט נאך דיינע שיעורים כסדרן; איךווארט צו הערן פון דיר.

היינט נאכט וועט נישט פארקומען דער וועכענטליכער שיעור; אם ירצה ה' דעם קומענדיגן שיעור פאר אינגעלייט וועט זיין כ"א כסליו, קומענדיגע וואך ליל שישי פרשת וישב.

אויך וויל איך דיר דערמאנען אז דעם קומענדיגן מיטוואך וועט פארקומען אן אסיפת הורים פאר די מאמעס פון די מיידלעך; אויך די מאמעס וואס האבן נאר אינגלעך זענען געלאדנט און אויך די וואס האבן נאך נישט קיין קינדער אינעם מוסד - אלע זאלן קומען אן קיין אויסנאם; עס וועט גארנישט פאסירן אז דו וועסט בלייבן אין שטוב אכטונג געבן אויף דיינע קינדער - נאר דו וועסט בענעפיטן דערפון.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~

# ~~~ שאלות ותשובות ~~~

## איך קען נישט קויפן תפלין פאר מיין בר מצוה בחור, און איך דארף חיזוק אויף כיבוד אם.

### שאלה:

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

אזוי ווי מ'פירט זיך אין ברסלב צו קויפן פאר'ן בר מצוה בחור צוויי פאר תפלין, סיי רש"י און סיי רבינו תם, וויל איך וויסן וואס צו טון אז איך האב נישט קיין געלט אפילו צו קויפן רש"י תפלין פאר מיין בחור, זאל איך גיין בארגן געלט אים צו קענען קויפן אויך רבינו תם?

אויך וויל איך פרעגן אן עצה וואס  צו טון וועגן מיין מאמע, זי איז זייער ברוגז אז איך בין געגאנגען אויף ברסלב און איבערגעלאזט מיין פריערדיגע חסידות, און סיי וועלכע זאך איך טו וואס שמעקט פון ברסלב, רעגט איר זייער אויף, למשל ווען איך האב געגעבן א נאמען פייגא נאכ'ן רבינ'ס מאמע, און אויך אז איך וויל קויפן צוויי פאר תפלין פאר מיין בר מצוה בחור.

איך הער אסאך אייערע שיעורים און איך בין זיך זייער מחזק מיט דעם, בפרט אין אמונה און בטחון אויף וואס איך דארף אסאך חיזוק.

יישר כח

### תשובה:

**בעזרת ה׳ יתברך - יום א׳ פרשת וישלח, י׳ כסליו, שנת תשע״ט לפרט קטן**

**לכבוד ... נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

וויסן זאלסטו אז עס זענען דא פוסקים (עיין בספר שלחן הטהור סימן לד, סעיף א) וואס האלטן אז אויב מען לייגט נישט קיין תפילין דרבינו תם גייט מען אריין אין כלל פון ׳קרקפתא דלא מנח תפילין׳; בפרט אז דו שרייבסט אז דו ביסט מקורב צום הייליגן רבי׳ן און דער הייליגער רבי האט געזאגט אז גלייך ווען מען הייבט אן לייגן תפילין ביי די ׳בר מצוה׳ זאל מען אנטון צוויי פאר תפילין - רש״י און רבינו תם, און אזוי פירן זיך אנשי שלומינו אין אלע דורות (עיין בספר פעולת הצדיק אות ס״ד). ממילא איז דאך בכלל נישט קיין שאלה צי דו זאלסט קויפן פאר דיין זון צוויי פאר תפילין.

עס איז כדאי דו זאלסט אריין קוקן אין די ווערטער וואס רבי נתן זאגט (לקוטי הלכות תפילין, הלכה ה׳ אות כח): ״וְעַל כֵּן כָּל מִי שֶׁרוֹצֶה לְקָרֵב אֶת עַצְמוֹ לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְכוּ׳ צָרִיךְ לְהָנִיחַ תְּפִילִין דְּרַבֵּנוּ תַּם כְּמוֹ שֶׁהִזְהִיר רַבֵּינוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אֶת אֲנָשָׁיו לְהָנִיחַ תְּפִילִין דְּרַבֵּנוּ תַּם״, ווער עס וויל מקורב ווערן צום אייבערשטן זאל מקפיד זיין אנצוטון תפילין דרבינו תם

אזוי ווי דער הייליגער רבי האט מזהיר געווען זיינע מענטשן, און קוק אריין אין זיינע הייליגע ווערטער וואס ער שרייבט ווייטער, מורא'דיגע ווערטער (אות כט): "וְעַל כֵּן עַכְשָׁיו בְּעִקְּבוֹת מְשִׁיחָא בְּסוֹף הַגָּלוּת צְרִיכִים לִזָּהֵר מְאֹד לְהָנִיחַ תְּפִילִין דְּרַבֵּנוּ תַּם כְּמוֹ שֶׁהִזְהִירוּ כָּל הַצַּדִּיקִים אֲמִתִּיִּים שֶׁהָיוּ בְּיָמֵינוּ", אין די היינטיגע טעג וואס מען האלט שוין ממש ביי די גאולה, מיר גייען שוין אט אט ארויס פון גלות, דארף מען זייער אכטונג געבן אנצוטון תפילין דרבינו תם, אזוי ווי אלע אמת'ע צדיקים האבן אונז מזהיר געווען, "כִּי עַכְשָׁיו הִתְגַּבֵּר הַבַּעַל דָּבָר מְאֹד מְאֹד מַחֲמַת שֶׁרוֹאֶה שֶׁקָּרוֹב לָבֹא קִצּוֹ", ווייל דער יצר הרע איז זיך זייער מתגבר זעענדיג ווי זיין סוף קומט שוין, דערפאר דארפן מיר האבן ביידע פאר תפילין זיך צו קענען קריגן מיט אים; קוק נאך אינעווייניג די גאנצע אות וועסטו זען דאס גרויסקייט פון תפילין דרבינו תם.

בנוגע דיין מאמע וכו'; די גרעסטע כיבוד אב ואם וואס דו קענסט טון איז אז דו זאלסט גיין דאווענען דריי מאל א טאג שחרית מנחה מעריב מיט מנין; אויך זאלסטו לערנען יעדן טאג דיינע שיעורים כסדרן על פי סדר דרך הלימוד פון הייליגן רבי'ן; אויך זאלסטו מכבד זיין דיין ווייב און אויפציען ערליכע קינדער - דאס איז כיבוד אב ואם.

דער גרעסטער כיבוד אב ואם איז ווען עלטערן זעען ווי די קינדער פירן זיך אויף ערליך, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (יומא פו.) אויפן פסוק (דברים ו, ה): "וְאָהַבְתָּ אֵת ה' אֱלֹקֶיךָ" - זאלסט זען עס זאל ארויס קומען א קידוש השם דורך דיר און דער אייבערשטער זאל באליבט ווערן דורך דיר. ווייל ווען א מענטש פירט זיך ווי עס דארף צו זיין, וואס זאגן מענטשן? "אַשְׁרֵי אָבִיו שֶׁלִּמְּדוֹ תּוֹרָה", וואויל זענען זיינע עלטערן וואס האבן אים געלערנט תורה; "אַשְׁרֵי רַבּוֹ שֶׁלִּמְּדוֹ תּוֹרָה", וואויל איז פאר זיין רבי וואס האט אים געלערנט תורה; "אוֹי לָהֶם לַבְּרִיּוֹת שֶׁלֹּא לָמְדוּ תּוֹרָה", וויי איז פאר די מענטשן וואס לערנען נישט קיין תורה. ווען איינער פירט זיך אויף ערליך זאגן די מענטשן: "קוקט אן דעם מענטש, וויבאלד ער לערנט תורה פירט ער זיך אויף אזוי ערליך". אויף אים זאגט דער פסוק (ישעיהו מט, ג): "וַיֹּאמֶר לִי עַבְדִּי אָתָּה, יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר בְּךָ אֶתְפָּאָר", דער אייבערשטער בארימט זיך מיט אזא איינעם.

זיי אביישפיל פון א ברסלב'ער חסיד; דו טראגסט אויף דיר א גרויסע אחריות, דו טראגסט אויף דיר דעם רבינ'ס נאמען און מענטשן קוקן אויף דיר ווי אזוי דו פירסט זיך. דער רבי זאגט (ספר המידות, אות צדיק, סימן סט): "מִי שֶׁאוֹהֵב אֶת הַצַּדִּיק, צָרִיךְ לִשְׁמֹר אֶת הַצַּדִּיק, שֶׁלֹּא יֵצֵא עָלָיו שֵׁם רָע", ווער עס האט ליב דעם צדיק דארף אכטונג געבן עס זאל נישט ארויס גיין קיין שלעכטע נאמען אויפן צדיק.

דער אייבערשטער זאל דיר העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~~

## ווי אזוי קען איך מאכן מיין מאן לערנען? פארוואס דארף מען יענעם אוועקמאכן?

## שאלה:

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

קודם האב איך זיך געוואלט באדאנקען פאר די דרשות פונעם ראש ישיבה שליט"א וואס געבט מיר אסאך חיזוק אין אמונה און תפלה, די שיעורים זענען זייער געשמאק און לייכט, און עס גייט אריין אין די ביינער.

איך האב ב"ה זייער א חשובער מאן, איך האלט זייער שטארק פון אים, ער איז זייער אן ערליכער און ווארילער מאן, עס באדערט מיר נאר אז ער לערנט נישט קיין תורה.

איך האב פיל געהערט פון אייך פון די חשיבות פון זאגן תורה, איך וואלט זיך אזוי שטארק געפריידט ווען מיין מאן וואלט דאס געטון, איך ווייס אז ער איז אריבער א שווערע תקופה זייענדיג א בחור אין ישיבה, ער האט נישט געהאט קיין חברותות און דעריבער נישט געהאט קיין חשק צו חזר'ן, און ער פלעגט דערפאר באקומען גאר נידריגע צייכענונגען אויף די בחינות, און קען זיין אז דעריבער וויל ער יעצט נישט לערנען.

איך געב אכטונג נישט צו ווערן זיין "משגיח" און איך הייס אים קיינמאל נישט גיין לערנען, אבער איך פרוביר ארויסצואווייזן ווי שטארק איך וואלט זיך געפריידט ווען ער וואלט יא געלערנט, יעדעס מאל ער דערמאנט עפעס א תורה'דיגע זאך, אדער ער קוקט עפעס נאך, ווייז איך ארויס א שמחה דערפון, אויך ווען מיר הערן צוזאמען די דרשות פונעם ראש ישיבה שליט"א פרעג איך אים וואס ער האלט וועגן דעם, איך האב אבער מורא אים צו זאגן אפן אז איך וויל ער זאל לערנען. אפשר דארף איך דאס יא טון?

איך בעט אסאך דעם אייבערשטן אויף דעם, איז דא נאך עפעס אן עצה וואס איך קען טון דערצו?

גלייכצייטיג האב איך געוואלט מעורר זיין, מיט'ן פולסטן מאס רעספעקט, אז דער ראש ישיבה שליט"א זאל נישט אוועקמאכן אנדערע רבי'ס און חסידות'ער. אסאך מאל ווען איך הער ווי דער ראש ישיבה שליט"א פרעגט א בחור וואס קומט פון אן אנדערע קרייז, און מאכט אוועק יענע קרייז, זאגנדיג וואס באקומסטו פון דיין רבי, טוט מיר דאס זייער וויי. איך באלאנג צו אן אנדערע חסידות, און איך באקום פון מיין רבי חיזוק און עצות פאר'ן לעבן, און אויך בין מחונך געווארן מיט אמונה און אז דער אייבערשטער ווארט מיר זאלן רעדן צום אים ווי צו א חבר, פון דעסט וועגן בין איך מכבד יעדן איינעם מיט זיין קרייז און שיטה. אויב ברסלב פארקויפט גוטע זאכן, קען מען דאך רעדן בלויז פון דעם, פארוואס פעלט אויס אוועקצומאכן אנדערע?

איך בעט איבער אויב איך האב נישט געשריבן מיט דרך ארץ, און נאכאמאל א גרויסן יישר כח פאר אלעס.
~~~~~~~~~~~

**תשובה:**

בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת וישלח, י' כסליו, שנת תשע"ט לפרט קטן

**מרת ... תחי'.**

איך האב ערהאלטן אייער בריוו.

זייער אסאך אינגעלייט און בחורים ווילן נישט לערנען צוליב דעם וואס מען האט זיי פארשעמט אין די יונגע יארן, ווען זיי זענען א גמרא קומט זיי ארויף אלטע ווייטאגן, בזיונות און שפיכות דמים וכו' וואס זיי זענען אדורך אין די יונגע יארן. אבער באמת ווען זיי וואלטן ווען געוויסט ווי זיס די הייליגע תורה איז וואלטן זיי גארנישט געוואלט חוץ תורה, אזוי ווי דער רבי האט אמאל געזאגט פאר איינעם פון אנשי שלומינו (עיין שיחות הר"ן, סימן יז): "איינמאל די תורה וועט דיר ווייזן איר פנים, וועסטו שוין גארנישט וועלן, נאר די תורה".

היות אייער מאן איז דאס אריבער אין זיינע יונגע יארן האט דאס גורם געווען אז ער זאל מער נישט וועלן לערנען. יעצט אז איר ווילט וויסן וואס איר קענט טון ער זאל יא לערנען תורה, זאג איך אייך אז ווי אזוי איר טוט יעצט זאלט איר ווייטער טון - ביתר שאת וביתר עוז; איר זאלט אים ווייטער מחזק זיין, מעודד זיין און ארויס ווייזן ווי שטארק איר שעצט זיין לערנען און דאווענען; ווען ער לערנט און דאוונט זאלט איר אים אויפהייבן. דאס וועט מאכן ער זאל לערנען מער און מער.

איר זאלט ווייטער בעטן דעם אייבערשטן אז איר זאלט האבן א שטוב וואס פירט זיך מיט די תורה און אייער מאן און קינדער זאלן לערנען די הייליגע תורה; ווען איר צינדט אן די שבת ליכט און איר שטייט מיט די הענט אויפן פנים זאלט איר בעטן דעם אייבערשטן: **"הייליגער באשעפער! העלף מיין מאן זאל לערנען, דאווענען און זיין א צדיק; העלף מיר אז מיינע קינדער זאלן לערנען, דאווענען און זיין ערליכע אידן צדיקים"**; אזוי זאלט איר בעטן אן א שיעור מאל, וועט דער אייבערשטער עפענען זיין הארץ און ער וועט לעבן מיט די תורה.

בנוגע פארוואס מען דארף אוועק מאכן וכו'; דער פראגע איז ממש פלאי פלאים... עס איז נישט דא נאך אזא פארשעמטע רבי און פארשעמטע חסידות ווי ברסלב! קיינער וויל נישט אנערקענען ברסלב און א ברסלב'ער חסיד איז צו שאנד און צו שפאט ביי אלע חסידות'ן. ווען מען דערוויסט זיך אז א בחור אדער א אינגערמאן איז אנגעקומען קיין ברסלב הייבט מען אן חוזק מאכן און אים אויפמערקזאם מאכן אז עס איז נישט פאר אים, און ווען מען וויל זיך שטארקן מיט וואס מיר זענען זוכה וכו' הייסט דאס אז

אונז מאכן אוועק אנדערע?! אז מען לייגט אריין שטארקייט אין פרישע תלמידים זיי זאלן נישט ווערן נתפעל פון לצים און פון די וואס לאכן אפ וכו׳, דאס הייסט אז מען בויעט זיך אויף אוועק מאכן?!

ווען איינער קומט אוןווארפט זיך ארויף אויף מיר און וויל מיך דערווערגן, מעג איך יענעם אראפ ווארפן פון מיר? אדער ביי אזא פאל וועט מען אויך שרייען: "פארוואס דארף מען אים אראפ ווארפן?" און "מען ווערט נישט גרעסער אז מען ווארפט יענעם אראפ!" אדער דא פארשטייט יעדער אז איך זוך נישט יענעם אראפווארפן נאר פשוט יענער זאל מיר אפלאזן און מיר לאזן לעבן?!

ברסלב דארף נישט יענעם אוועק מאכן זיך צו בויען, ווייל עס איז נישט דא נאך א רבי וואס האט אזוי פיל סחורה צו פארקויפן ווי דער הייליגער רבי און עס איז נישט דא א פלאץ וואו די תלמידים באקומען פון זייער רבי אזוי סאך ווי די ברסלב׳ע חסידים, וואס דער רבי מאכט זיי אליינס פאר גרויסע צדיקים.

מען האט אמאל געפרעגט מוהרא"ש וואס איז די נפקא מינה צווישן ברסלב און אנדערע חסידות׳ן, האט מוהרא"ש געענטפערט: "ביי אנדערע רבי׳ס טאנצן די חסידים ארום דעם רבי׳ן, אבער אין ברסלב טאנצט דער רבי ארום יעדן חסיד"; דאס איז מורא׳דיג מגדיר געווען אין געציילטע ווערטער וואס מען איז זוכה דא ביים הייליגן רבי׳ן, אזוי ווי דער רבי האט געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן שלה): "מיין גאנצע נחת און תענוג איז ווען איך זע ווי מיינע תלמידים פירן זיך מיט יראת שמים און דינען דעם אייבערשטן. איך האב אלעס מפקיר געווען; מיין לעבן, מיין ווייב און מיינע קינדער - אלעס נאר פאר ענק, "הַאִם לֹא הָיִיתִי יָכוֹל לִהְיוֹת מְפֻרְסָם וּמַנְהִיג שֶׁקּוֹרִין ׳גוּטֶער אִיד׳ כְּמוֹ כָּל הַמַּנְהִיגִים, שֶׁנּוֹסְעִים הַחֲסִידִים אֲלֵיהֶם וְאֵינָם יוֹדְעִים עַל מָה נוֹסְעִים, וְחוֹזְרִים וְשָׁבִים וּבָאִים וְאֵינָם יוֹדְעִים מַה בָּאִים", וואלט איך נישט געקענט זיין א רבי פונקט ווי אלע רבי׳ס וואס די חסידים ווייסן נישט פארוואס מען פארט צום רבי׳ן, און ווען מען קומט אהיים ווייסט מען נישט מיט וואס איז מען צוריק געקומען?! פארוואס גייט מען צו א רבי? וואס איז א רבי? אז ער קען מיר מאכן פאר א צדיק, אז ער קען מיר צוברענגען צום אייבערשטן, אז ער מאכט מיר לערנען און דאווענען.

אויפן רבי׳ן וועט סיי ווי זיין טענות און מחלוקת; דעם רבינ׳ס מאמע די צדיקת פייגא איז געווען א בעלת רוח הקודש און זי האט געזען וואס גייט זיין מיט איר הייליג קינד, אירע הייליגע ברודער פלעגן איר רופן "פייג׳על׳ע די נביאת׳טע", ווערט דערציילט אז בשעת דעם הייליגן רבינ׳ס ברית האט דער רבי׳ס מאמע געבעטן איר ברודער דער הייליגער צדיק רבי ר׳ ברוכל פון מעז׳בוז זכותו יגן עלינו: "ברוכ׳ל - אזוי האט זי אים

גערופן - וואונטש אן פארן קינד אז מען זאל נישט קריגן אויף אים", האט דער הייליגער צדיק רבי ברוכ'ל איר געענטפערט: "פייגעלע דאס קען נישט זיין, עס איז פארפאלן, מען מוז קריגן אויף אים (קוקט נאך אין ספר פעולת הצדיק אות כא)".

דער אייבערשטער זאל העלפן אז די וועלט זאל שוין אננעמען די לימודים פון רבי'ן, די לימודים וואס משיח וועט אויסלערנען פאר די וועלט. דער לימוד וואס דער בעל תפילה האט אויסגעלערנט, ער פלעגט זאגן (ספורי מעשיות, מעשה יב): **"עס איז נישט דא קיין אנדערע תכלית אויף דער וועלט, נאר צו דינען דעם אייבערשטן"**; אז עס איז נישט דא קיין אנדערע עצה אויסער תפילה, ביז מיר ווילן ארויס גיין פון אונזער גלות.

...

~~~~~~~~~~~

### אפשר קענט איר מיר געבן חיזוק אויף טהרת המשפחה?

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

דא שרייבט א פרוי פון ארץ ישראל, צום ערשט וויל איך זיך באדאנקען אויף אלע שיעורים וואס איך הער כסדר און עס געבט מיר אסאך חיזוק.

איך האב חתונה געהאט פאר דריי יאר צוריק, און מיר האבן נאכנישט קיין קינדער. עס הערט זיך נישט אזוי סאך, אבער למעשה האבן מיר אנגעהויבן צו גיין צו דאקטורים שוין א האלב יאר נאך די חתונה, און זייט דעמאלט האבן מיר פיל פראבלעמען וכו', און איך דארף חיזוק פאר טהרת המשפחה. איך פארשטיי אז דער אייבערשטער האט עס געהייסן פאר'ן טובה פונעם מענטש, אבער אין אונזער מצב זע איך נישט וואס די טובה איז, פארוואס פאדערט דאס דער אייבערשטער פון מיר? און ווי אזוי קען איך זיך שטארקן?

איך האף איר וועט מיר קענען ארויסהעלפן, א גרויסן יישר כח

**תשובה:**

בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת וישלח, י' כסליו, שנת תשע"ט לפרט קטן

מרת ... תחי'.

איך האב ערהאלטן אייער בריוו.

געבט אכטונג נישט צו מזלזל זיין אין די הרחקות וכו'; אז מען היט נישט קיין הרחקות באקומט מען זייער א גרויסער עונש. די הייליגע חכמים זאגן אונז (שבת יג.): אליהו הנביא האט דערציילט: "מַעֲשֶׂה בְּתַלְמִיד אֶחָד שֶׁשָּׁנָה הַרְבֵּה וְקָרָא הַרְבֵּה וְשִׁמֵּשׁ תַּלְמִידֵי חֲכָמִים הַרְבֵּה, וּמֵת בַּחֲצִי יָמָיו", עס איז געווען א מענטש וואס האט זייער פלייסיג געלערנט און ער איז געשטארבן זייער יונג, זיין ווייב האט דאס נישט
~~~~~~~~~~~

אויסגעהאלטן, זי איז ארומגעלאפן אין אלע שולן און ישיבות און געפרעגט: ווי אזוי קען זיין אז מיין מאן איז געשטארבן יונג, עס שטייט דאך אין די תורה (דברים ל, כ): 'כִּי הוּא חַיֶּיךָ וְאֹרֶךְ יָמֶיךָ', ווער עס לערנט תורה וועט לאנג לעבן, מיין מאן האט געלערנט אסאך תורה - חומש, משניות און גמרא פארוואס איז ער נפטר געווארן אזוי יונג?! "וְלֹא הָיָה אָדָם מַחֲזִירָהּ דָּבָר", און קיינער האט נישט געוויסט וואס איר צו ענטפערן, איינמאל - דערציילט אליהו הנביא - בין איך איינגעשטאנען ביי די פרוי און זי האט מיר דערציילט די גאנצע מעשה, האב איך איר געפרעגט: "איר האט געהאלטן טהרת המשפחה?" האט זי געענטפערט: "אוודאי האבן מיר געהאלטן טהרת המשפחה!" האט איר אליהו הנביא אויסגעפרעגט פונקטליך צי זי קען די הלכות פון טהרת המשפחה, ביז זי האט מודה געווען אז זיי האבן נאכגעלאזט אין די הרחקות; האט אליהו הנביא איר געזאגט: "בָּרוּךְ הַמָּקוֹם שֶׁהֲרָגוֹ", געלויבט איז דער אייבערשטער אז ער האט אים גע'הרג'ט.

איר ווארט אויף קינדער דארפט איר דאך זכותים, זאג איך אייך צו אז אין זכות וואס איר וועט אפהיטן טהרת המשפחה, איר וועט האלטן אלע הרחקות אזוי ווי עס דארף צו זיין, וועט איר זוכה זיין צו געזונטע קינדער.

מיר האלטן די תורה נישט ווייל מיר פארשטייען מיט אונזער שכל אז דאס איז גוט, מיר היטן תורה ומצוות ווייל דער אייבערשטער האט אזוי געהייסן; דער הייליגער רבי האט אוועק געמאכט די טעמי המצוות (עיין חיי מוהר"ן, סימן תיא), דער רבי האט געזאגט אז די מצוות זענען העכער פון אונזער שכל און פארשטאנד, און וויפיל טעמים מיר וועלן זאגן אויף די מצוות פונעם אייבערשטן וועלן מיר דאס נישט פארשטיין; מיר דארפן פאלגן דעם רצון השם וואס ער האט אונז געהייסן טון בתמימות ופשיטות, און זיך פרייען אז מיר טוען זיין רצון.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז אין זכות וואס איר זענט זיך מוסר נפש צו האלטן די הלכות און הרחקות זאלט איר בקרוב זוכה זיין צו געזונטע קינדער.

איר וועט מיר אודאי מודיע זיין א גוטע בשורה בקרוב.

...

~~~~~~~~~~~

**א רמז אז ביי א שידוך קוקט מען אויפ'ן דאוועגען.**

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,
~~~~~~~~~~~

קודם א גרויסן יישר כח אויף די מורא'דיגע שיעורים, ס'איז ממש מחיה עצמות היבשות.

איך האב געטראכט א מקור אויף דעם וואס מוהרא"ש ז"ע זאגט אז ביי א שידוך זאל מען קוקן אויפ'ן דאווענען פונעם בחור, כאטש וואס מוהרא"ש אליין איז גענוג א מקור.

אזוי ווי איר זאגט אייביג אז מיט'ן דרך הלימוד קומט מען אן איבעראל, האב איך געלערנט אין מדרש רבה (חיי שרה, פרשה ס', אות ט"ו) "ותשא רבקה את עיניה ותרא את יצחק. אמר רב הונא, צפת שידו שטוחה בתפילה, אמרה ודאי אדם גדול הוא, לכך שאלה עליו", איידער רבקה איז געווארן א כלה צו יצחק, האט זי געקוקט און געזען ווי אזוי ער דאוונט.

יישר כח פאר אלעס.

יחזקאל

**תשובה:**

**בעזרת ה׳ יתברך - יום א׳ פרשת וישלח, י׳ כסליו, שנת תשע״ט לפרט קטן**

**לכבוד יחזקאל נרו יאיר**

איך האב זייער הנאה געהאט פון דיין בריוו.

מוהרא״ש פלעגט שטענדיג זאגן פאר אנשי שלומינו ווען זיי האבן געהאלטן ביי א שידוך טון מיט א טאכטער און זיי האבן געוואלט וויסן אויף א בחור צי ער איז אן ערליכער בחור צי נישט, אז זיי זאלן גיין קוקן ווי אזוי דער בחור דאווענט; אויב דער בחור דאוונט אזוי ווי עס דארף צו זיין, ער דאווענט אין א סידור, ער שטייט אויף איין פלאץ פון אנהייב דאווענען ביזן סוף דאווענען און ער דריידט זיך נישט ארום און זיכער אז ער שמועסט נישט ביים דאווענען - דאס ווייזט אז דער בחור האט יראת שמים, אבער אויב דריידט ער זיך א גאנצן דאווענען אהער און אהין איז א סימן אז ער איז אינו מן הישוב.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן זיך שטארקן אין תפילה, וועלן מיר זוכה זיין צו אלע ברכות, רפואות און ישועות.

...

~~~~~~~~~~~

**זאל איך לאזן מיינע קינדער שפילן מיט שכנים וואס זענען נישט וואקסינירט?**

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

מיר האבן א שכן וואס זיין ווייב איז פון די מענטשן וואס געבן נישט קיין וואקסינען פאר די קינדער, און אונזערע קינדער שפילן געווענליך אינאיינעם, וואס דאס איז א טובה פארביידע. אבער יעצט ווען ס'איז
~~~~~~~~~~~

פארשפרייט געווארן די מיזעלס מחלה ביים היימישן עולם, האב איך זייער מורא פון דעם. איך האב געהערט אז צוליב א שמחה האבן זיי געהאט געסט וואס זענען געווען אנגעשטעקט מיט מיזעלס, און איך האב א קליין קינד וואס קען נאכנישט ווערן וואקסינירט.

מיר זענען אין א דילעמע, מיר ווילן נישט מאכן קיין מחלוקת מיט די שכנים, אבער ווילן נישט אונזערע קינדער זאלן ווערן אנגעשטעקט. וואס איז די ריכטיגע וועג צוצוגיין צו דעם?

יישר כח

**תשובה:**

בעזרת ה׳ יתברך - יום א׳ פרשת וישלח, י׳ כסליו, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

מאך נישט קיין מחלוקת מיט די שכנים; אז מען טוט וואס די תורה הייסט טון ווערט מען אפגעהיטן פון אלעם שלעכטס, מער פון דעם קען מען נישט טון און מען דארף נישט טון. די תורה איז געגעבן געווארן פאר מענטשן נישט פאר מלאכים, דעריבער אז דו פאלגסט די תורה און דו געבסט וואקסינען פאר דיינע קינדער, וועט דער אייבערשטער אפהיטן דיר מיט דיינע קינדער פון אלעם שלעכטס.

זע צו לעבן בשלום מיט אלעמען - בפרט מיט שכנים; יעדע זאך פירט זיך מיט א פונקטליכער חשבון. דאס וואס מען וואוינט אין א דירה מיט שכנים דאס איז מיט א פונקטליכער חשבון פונעם אייבערשטן אז דיקא דער מענטש זאל וואוינען נעבן די און די מענטשן. דעריבער זאלסטו זייער אכטונג געבן צו לעבן בשלום מיט דיינע שכנים עס זאל נישט זיין קיין שום מחלוקת צווישן אייך.

...

~~~~~~~~~~~

## וויפיל איז דער שיעור אנצוהויבן נאכאמאל און נאכאמאל?

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

וויפיל איז דער שיעור זיך מחזק צו זיין נאכאמאל און נאכאמאל? איך בין שוין אראפגעפאלן טויזנטער מאל און זיך מחזק געווען, איך שפיר אז ס'איז פאלש צו זאגן אז איך גיי יעצט אנהויבן נאכאמאל.

יישר כח

**תשובה:**
~~~~~~~~~~~

בעזרת ה׳ יתברך - יום א׳ פרשת וישלח, י׳ כסליו, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

סתם זיך שטארקן און גארנישט טון - דאס הייסט נישט אז מען איז זיך מחזק; דער רבי האט וואונדערליכע עצות וואס ווער עס טוט די עצות איז זוכה ארויס צו גיין אפילו פון די גרעסטע בלאטע, אבער די עצות העלפט נישט נאר מיט איין תנאי: אויב מען טוט די עצות! אויב מען דריידט זיך אין ברסלב און מען טוט נישט וואס דער רבי זאגט קען מען זינגען א גאנצן טאג: "שטארק זיך", "שטארק זיך", "שטארק זיך", אבער עס וועט גארנישט נוצן.

אז דו ווילסט באמת ארויס קריכן פון דיינע נפילות, פארוואס זאלסטו נישט טון וואס דער רבי זאגט?! דער רבי געבט אונז גרינגע עצות; דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן חלק ב׳, סימן עג): "מִי שֶׁרוֹצֶה לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה, יִהְיֶה רָגִיל בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי אֲמִירַת תְּהִלִּים מְסֻגָּל לִתְשׁוּבָה וכו׳. וְהִנֵּה, הַכֹּל חֲפֵצִים לְיִרְאָה אֶת שְׁמֶךָ, וְאַף עַל פִּי כֵן לָאו כָּל אָדָם זוֹכֶה לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה, כִּי יֵשׁ אֶחָד שֶׁאֵין לוֹ הִתְעוֹרְרוּת כְּלָל לִתְשׁוּבָה", ווער עס וויל זוכה זיין תשובה צו טון, זאל זאגן תהלים; יעדער איד וויל זיין אן ערליכער איד און טון דעם ווילן פונעם אייבערשטן, אבער נישט יעדער איז זוכה אויסצופירן זיין ווילן אויף למעשה, ווייל ער האט בכלל נישט קיין שום התעוררות תשובה צו טון, "וַאֲפִילוּ מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ הִתְעוֹרְרוּת לִתְשׁוּבָה, אֵינוֹ זוֹכֶה לְהַגִּיעַ אֶל הָאוֹת וְהַשַּׁעַר שֶׁל תְּשׁוּבָה הַשַּׁיָּךְ לוֹ", און אפילו איינער וואס האט שוין יא אן התעוררות תשובה צו טון, ווייסט ער נישט וואס ער זאל טון דאס צו קענען אויספירן, "וַאֲפִילוּ אִם מַגִּיעַ לְשָׁם, יָכוֹל לִהְיוֹת שֶׁהַשַּׁעַר שֶׁל תְּשׁוּבָה סָגוּר, וּמֵחֲמַת כָּל זֶה אֵין הָאָדָם זוֹכֶה לִתְשׁוּבָה", און אפילו איינער וואס וואס האט יא אן התעוררות תשובה צו טון און ער ווייסט וואס מען דארף טון צו ווערן אן ערליכער איד, דארף ער נאך אויך זוכה זיין צו טון למעשה און נישט ווערן צעבראכן וכו׳ וכו׳, דערפאר איז נישט יעדער זוכה תשובה צו טון, "וְעַל יְדֵי אֲמִירַת תְּהִלִּים, אֲפִילוּ מִי שֶׁאֵין לוֹ שׁוּם הִתְעוֹרְרוּת לִתְשׁוּבָה, הוּא מִתְעוֹרֵר לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה", פירט דער רבי אויס; אז א מענטש איז זוכה און ער זאגט תהלים, אפילו ער האט נישט קיין שום התעוררות, ווערט ער אבער נתעורר תשובה צו טון דורך דעם, "וְגַם זוֹכֶה עַל יְדֵי תְּהִלִּים לְהַגִּיעַ אֶל הַשַּׁעַר וְאוֹת הַשַּׁיָּךְ לוֹ, וְלִפְתֹּחַ הַשַּׁעַר; נִמְצָא שֶׁזּוֹכֶה עַל יְדֵי תְּהִלִּים לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה", און ער קען אנגיין מיט א מורא׳דיגע שטארקייט וכו׳, ביז ער איז זוכה תשובה צו טון און ווערן אן ערליכער איד.

דערפאר אז דו ווילסט באמת א וועג ארויס פון דיינע עבירות, הייב אן זאגן אביסל תהלים יעדן טאג וועסטו זוכה זיין אלעס צו פאררעכטן. תשובה איז נישט פאסטן, תשובה איז נישט סיגופים, תשובה איז צוריק קומען צום אייבערשטן; תשובה איז צו זאגן פארן אייבערשטן: **"רבונו של עולם, איך הייב אן פון יעצט צו זיין אן ערליכער איד, איך הייב אן פון היינט צו גיין אין שול דאוונען, העלף מיר אייבערשטער איך זאל האבן כח זיך צו שטארקן אויף מיין יצר הרע"**; עס איז זייער גרינג צו זיין צעבראכן און עס איז זייער גרינג אויפצוגעבן און האבן טענות אויף יעדן איינעם, אבער אזוי וועסטו אין ערגעץ נישט אנקומען, אויב דו ווילסט באמת ארויס קריכן פון דיינע שמוציגע מעשים נעם דעם רבינ׳ס עצה, און אז דו וועסט פאלגן דעם רבי׳ן וועסטו זען ווי צוביסליך קריכסטו ארויס פון דיינע עקלדיגע מעשים.

נאך אן די עצה פאר דעם איז תורה, אזוי ווי דער רבי זאגט (שיחות הר"ן, סימן יט): "אֲפִילּוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלַן", אפילו א מענטש וואס איז זייער ווייט פון קדושה, ער טוט עבירות רחמנא לצלן און ער ליגט שוין אין שאול תחתית, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם, וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק, לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד", אויב וועט ער זיך מאכן א קביעות צו לערנען יעדן טאג "כך וכך" וועט ער סוף כל סוף ארויס גיין פון זיין בלאטע, ווייל די כח פון תורה איז אזוי גרויס אז עס נעמט ארויס דעם מענטש פון זיין שלעכטס.

אז דו וועסט פאלגן דעם רבי׳ן וועסטו זען ווי די תורה שלעפט דיר ארויס פון בלאטע.

...

~~~~~~~~~~~

## זאל איך פארן קיין אומאן אום שנה ראשונה?

### שאלה:

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך בין א שנה ראשונה אינגערמאן, און איך וויל וויסן וואס צו טון וועגן פארן קיין אומאן. מיין ווייב זאגט מיר איך זאל יא פארן, אבער איך מיין אז זי וועט זיין מער פריידליך אויב וועל איך נישט פארן, נאר בלייבן מיט איר.
~~~~~~~~~~~

יישר כח

**תשובה:**

בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת וישלח, י' כסליו, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

דאנק און לויב דעם אייבערשטן אז דיין ווייב איז מיט דיר און דו האסט זוכה געווען צו האבן אן עזר; חכמינו זכרונם לברכה זאגן (יבמות סג.): אויפן פסוק (בראשית ב, יח): "אֶעֱשֶׂה לּוֹ עֵזֶר כְּנֶגְדּוֹ", זָכָה - עוֹזַרְתּוֹ, לֹא זָכָה - כְּנֶגְדּוֹ; אז מען איז זוכה איז די ווייב מיט איר מאן און זי העלפט אים, אויב איז מען נישט זוכה איז די ווייב א כנגדו, אלעס טוט זי פארקערט פונעם מאן.

דיין ווייב האט אמונת חכמים אינעם הייליגן רבי'ן און זי וויל דו זאלסט פאלגן דעם רבי'ן וואס ער האט געהייסן קומען צו אים אויף ראש השנה; דער הייליגער רבי האט געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן רכ): "וואס זאל איך אייך זאגן, קיין גרעסערס פון דעם איז נישט פארהאנען"; נאך האט דער רבי געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן תה): "הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי הוּא חִדּוּשׁ גָּדוֹל, וְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹדֵעַ שֶׁאֵין הַדָּבָר הַזֶּה בִּירֻשָּׁה מֵאֲבוֹתַי, רַק הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ נָתַן לִי זֹאת בְּמַתָּנָה - שֶׁאֲנִי יוֹדֵעַ מַהוּ רֹאשׁ הַשָּׁנָה. לֹא מִבָּעְיָא אַתֶּם כֻּלְּכֶם בְּוַדַּאי תְּלוּיִין בָּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי, אֶלָּא אֲפִילוּ כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ תָּלוּי בָּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי", דער אייבערשטער האט מיר געגעבן ראש השנה פאר א מתנה און נישט נאר איר זענט אנגעהאנגען אין מיין ראש השנה, נאר די גאנצע וועלט שטייט אויף מיין ראש השנה.

אודאי זאלסטו פארן קיין אומאן, אפילו שנה ראשונה; וואס איז בכלל דיין פראגע?!

דער אייבערשטער זאל העלפן דו זאלסט זוכה זיין צו קומען צום רבי'ן און זאגן דעם תיקון הכללי און באקומען אלע תיקונים וואס דער רבי האט צוגעזאגט.

...

~~~~~~~~~~~

**אפשר קענט איר געבן מער חיזוק פאר מלמדים?**

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,
~~~~~~~~~~~

איך בין א מלמד שוין עטליכע יאר, און זייט איך האב אנגעהויבן הערן אייערע שיעורים האט זיך מיר געעפנט א נייע וועלט, ובפרט האב איך הנאה פון די חיזוק פאר מלמדים, דאס געבט מיר מוט און שמחה זיך אפצוגעבן מיט די קינדער ווי עס דארף צו זיין, און נישט נאר איך פארדין דערפון נאר אויך אלע מיינע תלמידים פון דעם.

איך האב געוואלט בעטן דעם ראש ישיבה שליט"א צו רעדן מער חיזוק פאר מלמדיםביים סוף פון די גמרא שיעור.

יישר כח

**תשובה:**

בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת וישלח, י' כסליו, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

געלויבט דער אייבערשטער אז ער האט מיר מזכה געווען פארצולערנען יעדן אינדערפרי א בלאט גמרא בבלי און א בלאט גמרא ירושלמי; אזוי ווי עס האט זיך אויסגעשטעלט אז אלע מלמדים ביי אונז אין תלמוד תורה זיצן יעדן אינדערפרי ביים גמרא שיעור זאג איך זיי יעדן טאג אפאר ווערטער ביים סוף פונעם שיעור, אביסל חיזוק און הדרכה. אויב דער שיעור ענדיגט זיך געגנוג פרי דעמאלט איז דא צייט פאר זיי צו בלייבן הערן אפאר גוטע ווערטער, אבער אז דער שיעור ציט זיך אריין ביז דער זמן וואס זיי דארפן אריין גיין אין כיתה דעמאלט גייען זיי אלע אריין אין חדר. דאס איז דער סיבה פארוואס נישט אלע שיעורים ענטהאלטן חיזוק פאר מלמדים.

אז דו ביסט א מלמד וויל איך דיר מחזק זיין דו זאלסט זיך אומקוקן אויף די צעבראכענע קינדער; א מלמד וואס געבט אכטונג אויף די צעבראכענע קינדער - דער איז א ריכטיגע מנהיג ישראל. חכמינו זכרונו לברכה פארציילן (מדרש שמות רבה ב, ב-ג): דוד המלך איז געווען א פאסטוך אלץ יונגער בחור און ער פלעגט שטענדיג אכטונג געבן אויף די שוואכע און יונגע שעפעלעך זיי זאלן האבן וואס צו עסן. ער פלעגט קודם ארויסברענגען די קליינע שאף צו פאשען ווייל זיי האבן נאך נישט קיין גרויסע ציין און זיי קענען נישט עסן פון די אונטערשטע חלק פון די תבואה וואס דארט איז זייער הארט, אז זיי זאלן ערשט אפ עסן די ווייכע תבואה. נאכדעם האט ער געעפנט די טיר פאר די די עלסטע שאף אז זיי זאלן עסן פון די מיטלסטע חלק פון די תבואה, נאכדעם האט ער ארויסגענומען די מיטלגארטיגע שאף וואס זיי האבן גאר שארפע ציינער און קענען עסן די הארטע תבואה און דאס אויסרייסן מיט דיווארצלען. האט דער אייבערשטער געזאגט פאר דוד: "דוד, איך זע ווי דו האסט רחמנות אויף די שעפעלעך, ביסטו ראוי

צו זיין דער מנהיג ישראל", אזוי ווי עס שטייט (תהלים עח, עא): "מֵאַחַר עָלוֹת הֱבִיאוֹ, לִרְעוֹת בְּיַעֲקֹב עַמּוֹ, וּבְיִשְׂרָאֵל נַחֲלָתוֹ".

לייג אריין אין די קינדער יראת שמים; פארצייל זיי מעשיות פון צדיקים, דאס וועט זיי אויפפלאקערן זייער הארץ צו וועלן זיין ערליכע אידן, זיי וועלן מקנא זיין די צדיקים און זיי וועלן נאכטון. דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן רמח): "דַּע, שֶׁסִּפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִצַּדִּיקִים, הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד", זאלסט וויסן - זאגט דער רבי - אז פארציילן מעשיות פון צדיקים איז זייער א גרויסע זאך, "כִּי עַל יְדֵי סִפּוּרִים מִצַּדִּיקִים נִתְעוֹרֵר וְנִתְלַהֵב הַלֵּב בְּהִתְעוֹרְרוּת גָּדוֹל לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, בְּחֵשֶׁק נִמְרָץ מְאֹד". ווייל ווען מען הערט א מעשה פון א צדיק ווערט מען אויף געפלאמט און מען באקומט א מורא'דיגע חשק צו ווערן אן ערליכער איד; דורכדעם וואס מען זעט ווי דער צדיק האט זוכה געווען און ער איז בייגעשטאנען אלע זיינע נסיונות וויל מען אויך ווערן א צדיק, בפרט קינדער ווען זיי הערן מעשיות פון צדיקים ווערן זיי זייער נתעורר דורך דעם.

עס איז באוויסט דער סיפור אז דער הייליגער צאנז'ער רב זכותו יגן עלינו האט אמאל געפרעגט דעם מלמד פון זיינע קינדער צי ער לערנט מוסר מיט זיי, האט דער מלמד אים געזאגט: "יא"; האט ער אים געפרעגט: "וואספארא מוסר ספרים לערנסטו מיט זיי?" זאגט ער: "חובות הלבבות", האט אים דער הייליגער צאנזער רב געזאגט: "נישט דאס מיין איך מוסר, איך פרעג צי דו לערנסט 'מוסר', צי דו פארציילסט זיי מעשיות פון הייליגן רבי ר' אלימלך פון ליזענסק זכותו יגן עלינו און זיין ברודער דער הייליגער רבי ר' זושא זי"ע; ווייל מעשיות פון צדיקים דאס פייערט אויף דאס הארץ צו זיין אן ערליכער איד.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע דיינע ענינים.

...

~~~~~~~~~~

### וואס טו איך אז מיין מאן פילט אן די הויז מיט אינטערנעט?

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך בין זייער פארוויטאגט איבער מיין לעבן. איך קום פון א ריינע אפגעהיטענע שטוב בקדושה וטהרה, ווייט פון טעכנעלאגיע און אן קיין שייכות צו אינטערנעט און דאס גלייכן, ווידער מיין מאן קומט פון מער אן אפענע מאדערנע שטוב, מיט אינטערנעט.
~~~~~~~~~~

מיין מאן האט געעפנט א ביזנעס, און ער האט לכבוד דעם אריינגעברענגט אין שטוב א קאמפיוטער מיט אינטערנעט, דערנאך האט ער צוגעקויפט אויך א טעבלעט און א סמארטפאון. איך האב אים געבעטן מיט טרערן אין די אויגן ער זאל עס ארויסנעמען פון שטוב, איך האב גערעדט צו רבנים, אבער גארנישט האט געהאלפן.

פון די אנדערע זייט פאדערט ער פון מיר איך זאל זיך אנטון מאדערן, רעש'יג, און נישט צניעות'דיג, ער זאגט קלאר און אפן אז ער וויל איך זאל זיך אנטון ווי זיינע חברים'ס ווייבער, ער לאזט מיר נישט פרעגן קיין רבנים, און וויפיל איך טו פאר אים איז נישט גענוג.

ווי ס'זעט מיר אויס וועל איך אזוי נישט קענען אויפשטעלן אן ערליכע אידישע שטוב, איך בין זייער פארוויייטאגט און איך זע נישט קיין אויסוועג. אפשר וועט איר זיין דער ריכטיגער שליח מיר ארויסצוהעלפן, אדער כאטש קלאר מאכן ווי אזוי איך דארף זיך פירן.

א גרויסן יישר כח

**תשובה:**

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת וישלח, י"א כסליו, שנת תשע"ט לפרט קטן

**מרת ... תחי'.**

איך האב ערהאלטן אייער בריוו.

איך מוז אייך זאגן אפן און קלאר אז איר געפינט זיך אין זייער א גרויסע צרה; עס איז נישט דא קיין וועג מען זאל קענען אויפשטעלן ערליכע דורות מיט א קאמפיוטער אין שטוב וואס איז מחובר צום אינטערנעט רחמנא לצלן. וויפיל מען זאל נאר רעדן וועגן דעם חומר הענין פון האבן אין שטוב א קאמפיוטער, סמארט-פאון וכו' - איז נישט גענוג; דאס האט שוין ליידער חרוב געמאכט צענדליגער משפחות.

דאס איז א שרעקליכע צרה פאר אונזער דור, ווייל ווען מען האט א אפענעם קאמפיוטער מיט אינטערנעט אדער אן אייפאד, טעבלעט, סמארט-פאון וכו', קען מען זען אלע שמוץ אויף דער וועלט; דאס נעמט אוועק די גאנצע יראת שמים פון א מענטש, דאס קילט אפ די אמונה פון א איד און ברענגט אריין אין אים כפירות און אפיקורסות און נאכדעם ווערט מען אינגאנצן אומגליקליך.

ווען מען קוקט שמוציגע מאוויס וכו' ווערט מען צוגעקלעבט צו דעם, ביז עס איז זייער שווער זיך אפצוגעוואוינען דערפון; אזוי ווי די וואס זענען צוגעבינדען (עדיקטעד) צו דראגס וכו' אדער צו אלקאהאל וכו' קענען זיך נישט אפרייסן דערפון, אזוי אויך דער וואס האט א קאמפיוטער מיט אינטערנעט אדער א אייפאד, סמארט-פאון וכו' און קוקט שמוציגע מאוויס וכו', ער ווערט זייער צוגעקלעבט דערצו, ביז עס איז שוין זייער שווער ארויסצוקריכן פון דעם. דער מח ווערט אינגאנצן אויסגעברענט פון

די אלע עקעלדיגע שמוציגע מאוויס, ביז מען פאלט אראפ אין ביטערע עבירות רחמנא לצלן, נאכדעם הייבט מען אן צו האבן קשיות אויף די אמונה רחמנא לצלן. דערפאר טאר מען נישט האבן אין שטוב אן אפענעם קאמפיוטער מיט אינטערנעט, אדער א סמארט-פאון.

עס איז מיר זייער שווער אייך צו געבן אן עצה ווייל איך בין נישט דא צו צעברעכן אידישע שטובער, איך בין גרייט צו העלפן אויפשטעלן אידישע שטובער; איר דארפט זיין זייער אפן מיט אייער מאן און אים זאגן קלאר אז אויף דעם וועג ווי ער פירט זיך וועט איר נישט מצליח זיין אויפצושטעלן אן ערליכע שטוב, מען מוז ארויס ווארפן די שמוץ פון שטוב, אז נישט זע איך נישט קיין וועג פאר אייך.

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (סנהדרין מה.): "אֵין יֵצֶר הָרָע שׁוֹלֵט אֶלָּא בַּמֶּה שֶׁעֵינָיו רוֹאוֹת", ווען מען היט זיך נישט די אויגן, מען קוקט אויף שמוציגע בילדער, מען קוקט אויף שמוציגע מאוויס, פאלט מען אראפ אין עבירות; וואויל איז דעם וואס האט שכל און פאלגט וואס אלע ערליכע אידן זאגן, ער האלט זיין שטוב ערליך און ריין, דער וועט זוכה זיין צו זען נחת ביי זיינע קינדער און אייניקלעך.

וויפיל בריוון האט מוהרא"ש זכרונו לברכה געשריבן צו תלמידי היכל הקודש וואו ער בעט זיך מיר זאלן אכטונג געבן אויף אונזערע קינדער, אויף אונזערע דורות, און מיר זאלן נישט האבן אין שטוב קיין קאמפיוטער, סמארט-פאון, אייפאד; וויפיל האט מוהרא"ש געוויינט ביי די שיעורים מיר זאלן נישט האבן קיין שום שייכות מיט די אלע כלים.

דער אייבערשטער זאל אייך געבן כח זיך צו שטארקן נישט צעבראכן צו ווערן און נישט נאכלאזן פון אייער ווילן.

...

~~~~~~~~~~~

## איך שפיר פארקנעכטעט צו מיין מאן, וואס זאל איך טון?

### שאלה:

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך האב ב"ה א פיינער מאן, ער ברענגט אהיים געלט פאר אלעס וואס פעלט אויס, אבער עס שטערט מיר אז ער מאכט מיר אסאך משוגע און הייסט מיר טון זאכן אינדערהיים פאר אים וואס איך האב נישט ליב.
~~~~~~~~~~~

מיר האבן טאקע נישט קיין גרויסע קינדער, אבער איך פיל ווי פארקנעכטעט צו אים אז איך מוז זיך אנטון און זיך אויפפירן אינדערהיים פונקטליך לויט זיין געשמאק, און זיך איינגאנצן צושטעלן צו זיינע פארלאנגען.

מוז איך עס טאקע טון? אדער אויב ס'איז א זאך וואס איך מיין ס'איז נישט נארמאל מעג איך אים זאגן אז איך וויל דאס נישט טון?

יישר כח

**תשובה:**

**בעזרת ה׳ יתברך - יום ב׳ פרשת וישלח, י״א כסליו, שנת תשע״ט לפרט קטן**

**מרת ... תחי׳.**

**איך האב ערהאלטן אייער בריוו.**

נישט אלעס קען מען שרייבן, בפרט ווען מען הערט נישטביידע צדדים; מיט דעם אלעם וועל איך אייך ענטפערן אין קורצן.

שלמה המלך זאגט (משלי יד, א): ״חַכְמוֹת נָשִׁים בָּנְתָה בֵיתָהּ, וְאִוֶּלֶת בְּיָדֶיהָ תֶהֶרְסֶנּוּ״, א קלוגע פרוי בויט אויף איר שטוב מיט איר חכמה און א נארישע פרוי צעברעכט איר שטוב מיט אירע אייגענע הענט; מען דארף וויסן און געדענקען אז די היינטיגע דור איז זייער שטארק געפאלן, די נסיונות זענען זייער גרויס, די פריצות אויפן גאס איז געפערליך און מען קען זייער גרינג דורכפאלן אין הארבע עבירות. דעריבער דארף א פרוי זיין קלוג און אייביג זיין גרייט פאר איר מאן; ווען דער מאן זעט אז זיין ווייב איז שטענדיג גרייט פאר אים און איז מיט אים אלעמאל, וועט דאס אים אפהיטן פון שלעכטס.

דאס וואס איר שפירט זיך פארקנעכטעט וכו׳; די בעסטע זאך איז אז איר זאלט זיין אפן מיט אייער מאן און אים מסביר וואס באדערט אייך, אז א פאר-פאלק ווילן האבן ׳שלום בית׳ דארף מען זיך ארויס רעדן איינער דעם צווייטן, נישט דער מאן קען באצווינגען די ווייב און נישט די ווייב קען באצווינגען דעם מאן; אויב איר שפירט זיך פארקנעכטעט זאלט איר אים דאס זאגן שיינערהייט, אפשר ווייסט ער פשוט נישט ווי אזוי צו רעדן.

בנוגע וואס ער פארלאנגט פון אייך וכו׳; חכמינו זכרונם לברכה זאגן (תנא דבי אליהו רבה, פרק ט): ״אֵיזוֹהִי אִשָּׁה כְּשֵׁרָה? כָּל שֶׁעוֹשָׂה רְצוֹן בַּעֲלָהּ״, ווער איז אן ערליכע פרוי? א פרוי וואס טוט רצון בעלה, זי איז שטענדיג גרייט פארן מאן וכו׳, דאס הייסט אן ערליכע פרוי. חכמינו זכרונם לברכה זאגן (נדה מה:): ״דער אייבערשטער האט געגעבן פאר א פרוי

מער חכמה ווי פאר א מאן״; דארף א פרוי זען אויסצוניצן איר חכמה אויפצובויען איר שטוב.

אין די וועלט איז אנגענומען אז דער מאן דארף זיין דער וואס הייבט אן געבן ליבשאפט פאר די פרוי און דערנאך געבט די פרוי צוריק ליבשאפט, אבער ווען א פרוי נוצט איר שכל וועט זי נישטווארטן אז דער מאן זאל איר געבן ליבשאפט און ערשט נאכדעם וועט זי צוריק ווייזן ליבשאפט, נאר פארקערט - זי וועט ערשט אנהייבן געבן ליבשאפט פאר אים, וועט דער מאן איר צוריק געבן גוטע ווערטער און איר געבן ליבשאפט.

דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~~

**וואס טו איך אז כ׳האב נישט קיין געדולד צו גיין דאווענען און אנטון תפלין?**

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך האב זוכה געווען צו זיין דאס יאר אין אומאן צום ערשטן מאל, אין זכות פונעם ראש ישיבה שליט"א. זייט ראש השנה האב איך אנגעהויבן לערנען יעדן טאג ח"י פרקים משניות, און איך האלט שוין ביים צווייטן מאל משניות ב"ה.

פון די אנדערע זייט אבער פארפאס איך זייער אסאך גוטס, איך האב נישט קיין געדולד צו גיין דאווענען און לייגן תפלין, און אזוי אויך אין אנדערע זאכן בין איך זייער נאכגעלאזט. ווען איך פלעג הערן אייערע שיעורים יעדן טאג האב איך זיך געשטארקט, אבער לעצטנס בין איך זייער פארנומען און ס'קומט מיר נישט אויס צייט צו הערן די שיעורים, און דעריבער פאל איך אראפ.

איך האף איר וועט מיר ארויסהעלפן, יישר כח

משה

**תשובה:**

**בעזרת ה׳ יתברך - יום ב׳ פרשת וישלח, י״א כסליו, שנת תשע״ט לפרט קטן**

**לכבוד משה נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.
~~~~~~~~~~~

פארוואס ביסטו אזוי פארביטערט? ביסט אזוי אראפגעפאלן רחמנא לצלן עד כדי כך אז דו לייגסט נישט קיין תפילין און דו דאווענסט נישט? דאס קומט נאר פון ביטערניש.

איך וויל דיר פרעגן וואס וועט דיר העלפן צו זיין דערביטערט?!

דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן נ): "כִּי כָּל הַפּוֹגֵם בַּבְּרִית", ווער עס איז פוגם אין די עבירה פון פגם הברית, "אֵין יָכוֹל לְהִתְפַּלֵּל", דער קען נישט דאווענען, ער שפירט א ביטערע טעם אינעם דאווענען; דאס דאווענען האט ביי אים א טעם פון "מַיִין מְרִירִין" - ביטערע וואסער. ער וויל נישט קומען אין שול דאווענען און ווען ער קומט שוין יא אין שול האט ער נישט קיין געדולד אפילו נאר צו עפענען דעם סידור, און ווען ער עפענט שוין דעם סידור קומט אים אן אזוי שווער דאס דאווענען; דאס קומט פון די עבירה פון פגם הברית. די עבירות מאכן אים דיפרעסט און צעבראכן, אזוי ווי דער רבי זאגט דארט ווייטער: "וְזֶה בְּחִינַת חוֹלַאַת שֶׁקּוֹרִין בְּרֶעכֶנִישׁ, רַחֲמָנָא לִצְלָן, שֶׁשּׁוֹבֵר עֲצָמוֹת שֶׁל אָדָם", די עבירה ברענגט די מחלה וואס הייסט 'ברעכעניש' - דער מענטש ווערט צעבראכן אויף שטיק שטיקלעך און האט נישט קיין געדולד צו דאווענען.

זאגט דער רבי: "וְאֵין יָכוֹל לִטְעֹם מְתִיקוּת בַּתְּפִלָּה, אֶלָּא כְּשֶׁמְּתַקֵּן פְּגַם הַבְּרִית", א מענטש קען נישט שפירן א טעם אין דאווענען נאר אז ער פאררעכט זיינע פגמי הברית, ער טוט תשובה און ער היט זיך אפ פון שלעכטס; דעריבער אויב מען איז אפגעהיטן אין קדושה, מען היט זיך די אויגן און די מחשבה דאן איז דאס דאווענען א זיסע זאך, עס שפירט זיך ווי "מַיִם מְתוּקִים" - זיסע וואסער, מען וויל נאך און נאך דערפון.

דערפאר בעט איך דיר טייערער ברודער - שטארק דיך! די ערשטע זאך אינדערפרי זאלסטו קומען אין שול דאווענען שחרית און אנטון תפילין; הייב נישט אן דיין טאג פאר דו גייסט אין מקוה זיך טובל'ען פארן אייבערשטן און דו דאווענסט. אז דו וועסט עס אפשטופן אויף שפעטער וועסטו נישט דאווענען. אזוי ווי דער רבי זאגט (שיחות הר"ן, סימן לא): "דאווענען איז אזוי גרויס, אז מען טאר דאס נישט אוועק שטופן אויף שפעטער"; אזוי ווי מיר זעען אז חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ברכות ה:): "תַּנְיָא, אַבָּא בִּנְיָמִין אוֹמֵר: עַל שְׁנֵי דְבָרִים הָיִיתִי מִצְטַעֵר כָּל יָמַי, עַל תְּפִלָּתִי שֶׁתְּהֵא סָמוּךְ לְמִטָּתִי וְכוּ'", אבא בנימין האט א גאנץ לעבן מקפיד געווען צו דאווענען גלייך ביים אויפשטיין; ווייל אז מען שטופט עס אפ אויף שפעטער ווער ווייסט צי מען וועט בכלל דאווענען.

געדענק וואס די הייליגע חכמים זאגן (מנחות מד.): "ווער עס לייגט תפילין וועט לאנג לעבן".

...

~~~~~~~~~~~

## איז כדאי צו לערנען שיחות הר״ן איבערגעטייטשט אויף אידיש?

### שאלה:

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

קודם כח א גרויסן יישר כח פאר די געוואלדיגע שיעורים, איך האב נישט די ווערטער אייך גענוג צו באדאנקען.

איך האב לעצטנס אנגעהויבן לערנען דעם רבינ'ס ספרים, איך האב אנגעהויבן מיט שיחות הר"ן, אזוי ווי איך פארשטיי אבער נישט אזוי גוט לשון הקודש, האב איך זיך געקויפט א שיחות הר"ן איבערגעטייטשט אויף אידיש, און איך לערן אין דעם.

לעצטנס האב איך אבער געהערט פונעם ראש ישיבה שליט"א אז ס'זענען דא מענטשן אין ברסלב וואס פארדרייען דעם רבינ'ס ווערטער, און דעריבער האב איך שוין מורא אז אזוי ווי די אידישע שיחות הר"ן קומט נישט פון היכל הקודש, אפשר האבן זיי פארדרייט פונעם רבינ'ס ווערטער דארט. וואס זאגט דער ראש ישיבה שליט"א וועגן דעם?

יישר כח, יואל

### תשובה:

בעזרת ה׳ יתברך - יום ב׳ פרשת וישלח, י״א כסליו, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד יואל נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

וואויל איז דיר אז דו לערנסט דעם הייליגן רבי׳נס ספרים און דו האסט א שיעור אין ספר שיחות הר״ן.

דער הייליגער רבי האט געזאגט (חיי מוהר״ן, סימן שנח): ״מיט יעדע שיחה וואס איך שמועס מיט ענק קען מען זיין אן ערליכער איד, און נישט סתם אן ערליכער איד נאר אן ערליכע איד אזוי ווי איך מיין אן ערליכער איד״; ר׳ נתן זאגט (שם): ״וְגַם אֲפִלּוּ עַכְשָׁו כְּשֶׁלּוֹמְדִין דְּבָרָיו הַקְּדוֹשִׁים יֵשׁ לָהֶם גַּם-כֵּן כֹּחַ גָּדוֹל לְעוֹרֵר לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ לִזְכּוֹת לְדַרְכֵי ה׳ בֶּאֱמֶת, לְמִי שֶׁיָּשִׂים לִבּוֹ הֵיטֵב לִדְבָרָיו וּלְשִׂיחוֹתָיו הַקְּדוֹשִׁים הַנֶּאֱמָרִים בְּזֶה הַסֵּפֶר, וּבִשְׁאָר סְפָרָיו הַקְּדוֹשִׁים״, דעם רבינ׳ס ספרים פארמאגן א מורא׳דיגן כח צו מעורר זיין א מענטש צו דינען דעם אייבערשטן; אין יעדע שמועס פון רבי׳ן ליגן געוואלדיגע עצות און הדרכות פארן לעבן.

מוהרא״ש איז מקורב געווארן צום הייליגן רבי׳ן ווען ער איז געוועזן א בחור פון זעכצן יאר. מוהרא״ש האט דערציילט אז עס איז אים זייער שווער אנגעקומען צו
~~~~~~~~~~~

לערנען דעם ספר ליקוטי מוהר״ן, ער האט זיך זייער געפלאגט צו פארשטיין דעם ספר, האט ער קודם גענומען די שיחות פון רבי׳ן - שיחות הר״ן און חיי מוהר״ן, און אזוי אויך די קליינע תורות פון ליקוטי מוהר״ן וואס איז גרינג צו פארשטיין, און דאס גע׳חזר׳ט אן א שיעור מאל, ביז עס איז אים געווען שגור על פיו, נאכדעם האט ער אנגעהויבן לערנען ליקוטי מוהר״ן.

אז דו פארשטייסט נישט קיין לשון הקדוש איז זייער גוט צו לערנען שיחות הר״ן אין אידיש; מען האט דאס זייער שיין איבערגעטייטשט.

דער עיקר זאלסטו זיך מאכן שיעורים אין מקרא, משנה, גמרא וכו׳ אויפן סדר דרך הלימוד פונעם הייליגן רבי׳ן (עיין שיחות הר״ן סימן עו); דער רבי האט געזאגט: ״איך האב גענומען דאס גוטס פון די חסידים און דאס גוטס פון די ליטווישע״; ביי חסידים איז דער עיקר ׳תפילה׳, און ביי די ליטווישע איז דער עיקר ׳תורה׳, און דער רבי האט גענומען ביידע - סיי תורה און סיי תפילה, וואס דאס איז געווען ביים רבי׳ן דער עיקר, אזוי ווי דער רבי האט געזאגט (שיחות הר״ן, סימן רפז): ״מַה יֵּשׁ לְהָאָדָם לַעֲשׂוֹת בְּזֶה הָעוֹלָם?״ וואס האט א מענטש צו טון אויף דער וועלט? ״אֵין צָרִיךְ כִּי אִם לְהִתְפַּלֵּל, וְלִלְמֹד, וּלְהִתְפַּלֵּל״, נאר דאווענען, לערנען און דאווענען.

דער רבי שרייבט פאר זיין איידעם (מכתבי רבינו ז״ל, בריש ספר עלים לתרופה): ״בַּקָּשָׁתִי מֵאֲהוּבִי חֲתָנִי, שֶׁתִּלְמוֹד בְּכָל יוֹם שִׁיעוּר גְּמָרָא וּפוֹסֵק, שֶׁלֹּא תַּעֲשֶׂה חַס וְשָׁלוֹם מִטָּפֵל עִיקָּר, רַק אֶת הָאֱלֹקִים יְרָא וְכוּ׳, כִּי זֶה כָּל הָאָדָם״, מיין ליבער איידעם, איך בעט דיר זייער זאלסט לערנען יעדן טאג גמרא און שלחן ערוך, זאלסט חס ושלום נישט מאכן פונעם טפל אן עיקר און פון עיקר א טפל; זעט מען וואס דער רבי האט געוואלט און וואס עס איז געווען ביים רבי׳ן אן עיקר - נאר תורה ותפילה ויראת שמים.

דערפאר זע צו לערנען אסאך משניות און דפים גמרא יעדן טאג, און אפילו דו פארשטייסט נישט וואס דו לערנסט - דאך זאלסטו זאגן די ווערטער, ווייל די ווערטער פון תורה וואשט אפ דעם מענטש אינגאנצן פון זיין שלעכטס.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~